NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11822

HIML UN ERD

Shemuel Tsesler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הימל און ערד

קינדער־לידער

און

קרייזשפּילן

שמואל צעסלער

הימל און ערד

קינדער־לידער און קרייזשפּילן

אַרויסגעגעבן פון דעם
לערער־קאָלעגיום פון דער „שלום־עליכם־שול"
ביי דער „צ ו י ש אָ" אין בוענאָס־איירעס.

בוענאָס איירעס
אַרגענטינע

1944

Printed in Argentine

HIML UN ERD

(CIELO Y TIERRA)

POESIAS Y RONDAS PARA NIÑOS

— de —

SAMUEL CHESLER

●

Buenos Aires
República Argentina

א וואָרט פון די אַרויסגעבער

„הימל און ערד" איז דאָס דריטע בוך לידער און קרייזשפּילן פאַר קינדער פון קאָלעגע שמואל צעסלער. זיינע ערשטע צוויי ביכער און זיינע הונדערטער לידער, צעשאָטענע אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען, האָבן אים שוין געשאַפן אַ נאָמען און אַ גאַנץ פיינע פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. און ווייל ער איז שוין נישט קיין פּנים חדשות אין דער דיכטונג, איז שוין אויך נישט נויטיק, מיינען מיר, אים פאָרצושטעלן פאַר די לייענער — פאַר די גרויסע, ווי פאַר די קליינע. זיינע לידער זענען זייער באַקאַנט צווישן אונדזער קליינוואַרג. זיי ווערן געלייענט מיט חשק און מיט אַ סך פרייד ווערן זיי רעציטירט און געזונגען.

מיט די פּאָר ווערטער זענען מיר אויך נישט אויסן צו שרייבן קיין אָפּהאַנדלונג איבערן פאָרליגנדן בוך. מיר ווילן בלויז פעסט־שטעלן, אַז ווי לערער פילן מיר אַ חוב צום חבר ש. צעסלער; דאָס איז אַ חוב פון דאַנקבאַרקייט צו דעם מענטשן, מיט וועמעס שאַ־פונגען מיר באַנוצן זיך אין אונדזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און וועמעס ליד עס ברענגט אַריין פרייד אין דער שול און אין דער היים.

דאָס איז טאַקע איינער פון די מאָטיוון וואָס האָט באַוויגן אונדז לערער, וואָס שטענדיק זענען מיר נאָר קאָנסומענטן פון יידישע ביכער, וואָס שטענדיק נעמען מיר פון גרייטן, צו זיין אויך די אַרויסגעבער פון אַ בוך פאַר קינדער, און מיר טוען עס מיט פאַרגעניגן.

ווי געזאָגט, איז דאָס אַן אויסדרוק פון חברשער אָנערקענונג פאַרן מחבר פון דאָזיקן בוך, וואָס באַהעפט אין זיך לערעריי מיט דיכטונג און טוט דיביידע זאַכן מיט הייליקן ציטער און מיט אחריות פאַרן יידישן קינד. און צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, פילן מיר, אפשר מער ווי עמיצער אַנדערש, די נויטווענדיקייט פון אַזעלכע ביכער פאַר דער שול.

אונדזערע שולן צעוואַקסן זיך לעצטנס גאָר שיין. זיי ברייטערן זיך אויס און ווערן גלייכצייטיק פאַרטיפט. און ווי אונדז דוכט

זיך, הייבן זיי אָן ארויפצוגיין אויפן דרך המלך פון א געזונטער און נאָרמאלער יידישער דערציונגס־ארבעט. זיי געווינען צוטרוי און ליבע פון עלטערן און פון קינדער. דאָס איז אונדזער גרעסטע פרייד און די בעסטע סאטיספאקציע. אָבער דאָס פארפליכטעט אונדז אויך צו נאָך מער אחריות און זאָרג פאר דער מעגלעכסטער פארפולקאָמונג פון דער ארבעט אין דער שול. און דאָ שטויסן מיר זיך אָן אויף פארשיידענע פּראָבלעמען און צווישן די וויכטיקסטע און אָנגעווייטיקסטע צווישן זיי — דאָס בוך, דער צוגעפּאסטער לייען־מאטעריאל פאר די קינדער.

צום באדויערן פארמאָגן מיר זייער ווייניק אזעלכע ביכער, וועלכע זאָלן אימפּאָנירן און געווינען דעם אינטערעס פון די ייִנגע־רע קינדער, באזונדערס פון די אָנפאנגער גראדן. שמואל צעסלער געהער, צום גליק, צו די מחברים, וועמעס לידער די קינדער לייענען מיט ווילן. און עס איז אפשר כדאי צו דערציילן, אז נאָך איידער די לידער וואָס זענען געדרוקט אין דעם בוך, ווערן פארעפנטלעכט, האָבן הונדערטער קינדערלעך זיי שוין געזונגען מיט א סך ליבע און באגייסטערונג.

אין דער שלום עליכם שול, ווו עס איז צום ערשטן מאָל אין ארגענטינע געשאפן געוואָרן די געלעגנהייט פאר דער געמיינזא־מער הארמאָנישער און פּלאנמעסיקער צוזאמענארבעט פון זעכצן יידישע לערער אין איין גרויסן דערציונגס־אנשטאלט, מיט א סך הונדערטער תלמידים, האָבן מיר געהאט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן אין דעם כוח פון יידישן ליד און אין דעם ווערטפולן בייטראָג פון חבר צעסלער פאר דער דיכטונג וואָס דרינגט אריין אזוי לייכט, צארט און שפּילעוודיק אין די געפילן פון אונדזערע קינדער.

עס איז דעריבער פאר אונדז א באזונדערער פארגעניגן צו קע־נען ברענגען אין דער עפנטלעכקייט דאָס דאָזיקע בוך, ווי א מתנה פארן קאָלעגע שמואל צעסלער צו דעם 20־טן יובילײ פון זיין דיכטערישן שאפן, און ווי א מתנה פאר דער יידישער שול און פארן יידישן קינד, וואָס נויטיקן זיך אזוי אין גוטע און עכטע ליטערארישע שאפונגען.

לערער־קאָלעגיום פון דער שלום עליכם שול
ביי דער צווישאָ.

ב. איירעס, יוני 1944.

פרילינג קומט!

גיט די זון א וואָרף אן אייגל
פון דעם שווערן וואָלקנדעק:
— ביימער, בלומען, גראָזן, פייגל, —
דוכט זיך, אז ער איז אוועק!

— יאָ, אוועק דער בייזער ווינטער!
גיט א זונג דער גאנצער בייט
און א גרעזל, א צעגרינטער,
הילכט און טאַנצט ארום פאַר פרייד.

שטרעקן ביימער הענט: — דו זעסט דאָך —
ס׳פלאצן קנאָספּן דאָרט און דאָ!
זינגען פייגל בײַ די נעסטן:
— יאָ, אוועק שוין! יאָ, נישטאָ!

רײַסט די זון דעם גרויען דעקטוך —
ווערט דער הימל בלוי און קלאָר:
— אָ, עס בליט דאָך! אָ, עס שמעקט דאָך!
ס׳קומט די שענסטע צײַט פון יאָר!

ווי גרין עס איז אַרום געוואָרן!

ווי גרין עס איז ארום געוואָרן!
און הימלען זוניקע צעהעלט.
ווי שיין עס זינגען פייגל־כאָרן
איז וואַלד, אין גאָרטן און אין פעלד.

און וויפל פארבנרייַכע בלומען!
ווי פיַין עס שמעקט די לופט ארום.
ווי לעבעדיק די בינען זשומען
און טראָגן זיך פון בלום צו בלום.

ווי שיין עס גלאַנצן די קאָלירן
פון פלאטערלעך אין זון צעשטראַלט!
ווי גוט איז איצטער צו שפּאצירן
אין פעלד, אין גאָרטן און אין וואַלד!

פרילינג־שפּיל

אַלע: — אַרום איז ליכט, אַרום איז פרייד
און לויטער איז דער הימל.
דער פרילינג גייט פון בייט צו בייט,
צו בוים און גראָז, און בלימל.

פרילינג: (צום בוים)
— וואָס מאַכסטו בוים? איך ברענג מיט זיך
מײַן פרישן, לינדן וועטער.
צעעפן דײַנע קנאָספּן, גיך,
לאָז וואַקסן דײַנע בלעטער!

בוים: — אַ דאַנק! דײַן קומען איצט צו מיר
איז גאָרניט אָפּצושאַצן!
ס'ווערט אַזוי גוט פון דײַן באַריר,
זע — מײַנע קנאָספּן פּלאַצן!

אַלע: — דער פרילינג, האַרציק און געטרײַ,
האָט אויפגעלעבט דעם בוים אויפסנײַ!

פרילינג: (צום גרעזעלע)
— אָ, גרעזעלע, ווי דו זעעסט אויס,
סאַ יונגינקער און דינער!
צעוואַקס זיך הויך, צעוואַקס זיך גרויס,
ווער קרעפטיקער און גרינער!

גרעזל: ס'איזווינטער אזוי קאַלט געווען,
גע‌מיינט, וועסט זיך פאַרזאַמען,
כ'בין גליקלעך, אז כ'האָב דיך דערזען,
איך פֿאָלג דיך ווי א מאַמען!

אלע: — דער פרילינג, האַרציק און געטריי,
האָט ס'גרעזל אויפגעלעבט אויפסניי!

פרילינג: (צום בלימל)
— מיין בלימעלע, איך קום צו דיר
פון ווינטערשלאָף דיך וועקן.
באַוויַיז דיַין פרעכטיקן קאָליר,
הייב ווידער אָן צו שמעקן!

בלימל: — אָ, איך האָב דאָך געגאַרט, א סך,
דיַין זיסן קול צו הערן.
גוט פרילינג! איך דערוואַך, דערוואַך
און הייב אָן בליען גערן!

אלע: — דער פרילינג, האַרציק און געטריי,
האָט ס'בלימל אויפגעלעבט אויפסניי!

די בלומען און דאָס פֿרילינג־ווינטל

(קרייזשפּיל)

ב ל ו מ ע ן : — מיר זענען שיינע בלומען, —
באַפּוצן מיר די וועלט.
מיר בליען און מיר קומען
אין גאָרטן, וואַלד און פֿעלד.

פֿרילינג־ווינטל: — איך בין דאָס פֿרילינג־ווינטל
און יאָג ווי נאָר איך בליט.
איך קום מיט אײַך זיך שפּילן
און זינגען אײַך מײַן ליד.

ב ל ו מ ע ן : — געבענטשט זאָל זײַן דײַן ווייען
אין גאָרטן און אין סאָד!
מיר פֿרייען זיך, מיר פֿרייען, —
אַרײַן אין אונדזער ראָד!

פֿרילינג־ווינטל: — אָט זינג איך אײַך מײַן ניגון
פֿון דופֿט און זונענגלאַנץ.
צעוויגן זיך, צעוויגן
אַלץ פֿריילעכער אין טאַנץ!

ב ל ו מ ע ן : — ווי ליב איז אונדז דײַן זינגען!
ווי ווייך דײַן יעדער קלאַנג!
מיר וויגן זיך און שפּרינגען
צום טאַקט פֿון דײַן געזאַנג!

ב ל ו מ ע נ ל י ד

אָוונט, פון דעם פליין דעם ברייטן,
איז א ווינטל אָנגעקומען
און אין גאָרטן, אויף די בייטן,
אײַנגעוויגט די בונטע בלומען.

האָט די נאַכטיגאַל, בײַם וויגן,
זיי צום טאקט א ליד געזונגען,
האָט איר צארטער זילבער־ניגון
ווי א מאמע־שטים געקלונגען.

זענען אלע בלומען, שטילע,
אײַנגעשלאָפן, אײַנגעליוליעט,
און עס האָט די נאכט, די קילע,
זיי מיט שאָטנס אײַנגעטוליעט.

נאָר אין אָנהייב פון באגינען,
האָט געוועקט זיי מאָרגנשטערן:
— זעט די נאכטשאָטנס צערינען
און עס הייבט אָן ליכטיק ווערן!

האָבן אויפגעוואכט די בלומען
און די אייגלעך אויסגעריבן:
— קוקט, פרימאָרגן איז געקומען
און די שווארצע נאכט פארטריבן!

און די אַלע בלומען האָבן
אויסגעשטרעקט די קעפּלעך העכער
און עס האָבן אויסגעצוואָגן,
פרישע טויען, יעדן בעכער.

נאָכדעם האָט די זון פון הימל
וואַרעם זיי געקושט כּסדר,
אָפּגעטריקנט יעדעס בלימל,
אָנגעקליידט אין שטראַלן־קליידער.

און א פייגלשע קאַפּעליע
האָט געשפּילט א פרילינגס־ניגון —
האָבן בלומען, פאַרביק־העלע,
זיך אין טאַנץ גענומען וויגן.

די בלומען און די בין

(קרײַזשפּיל)

אלע: — פֿאַר די הענטלעך אָנגענומען,
פֿריילעך זיך געדרייט,
אַלע קינדער זענען בלומען
אויפֿן גרינעם בייט.

איצטער וויגן זיך די בלומען
אום אהער, אהין.
מיט אַ זינגענדיקן זשומען
פֿליט אַרײַן די בין.

רויז: — כ'בין אַ רויז אין סאַמע בליען,
זעט נאָר ווי איך שײַן.
קום נאָר, בין, צו מיר צו פֿליען,
טרינק אַ ביסל וויַן!

בין: — כ'דאַנק דיר, רויז, גאָר אָן אַ שיעור,
איצטער פֿלי איך גלײַך צו דיר,
כ'טו אַ שמעק,
כ'טו אַ לעק
און איך פֿלי אַוועק.

ליליע: — כ'בין אַ ליליע, שטאָלצער, העכער
פֿון דעם גאַנצן בייט.
בינעלע, מײַן האָניק־בעכער
איז פֿאַר דיר שוין גרייט!

ב י ן: — כ׳דאנק דיר, ליליע, אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק
און איך פלי אוועק.

טולפע: — בינעלע, איך בין א גרויסע
טולפע, רויט ווי בלוט.
צו מײַן שמעקעדיקער כוסע
קום אויף איין מינוט!

ב י ן: — כ׳דאנק דיר, טולפע, אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק
און איך פלי אוועק.

זשאסמין: — כ׳בין דער ווײַסער און דער שיינער,
דופטיקער זשאסמין.
קום, מײַן האָניק איז א ריינער,
זינגענדיקע בין.

ב י ן: — כ׳דאנק, זשאסמין, דיר, אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק
און איך פלי אוועק.

פײלכל: — כ'בין אין גראָז א פיאָלעטל,
א קלײן פײַלכל בלױ,
בינעלע, טרינק פון מײַן בלעטל,
דופטיק רײנעם טױ.

בין: — כ'דאנק דיר, פײַלכל, אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ'טו א שמעק,
כ'טו א לעק
און איך פלי אװעק.

אנעמאָנע: — כ'בין א װײַסע אנעמאָנע,
קום צו מיר אהער,
ס'איז באשײדן מײַן מַתָּנָה:
בלומענשטױב, ניט מער.

בין: — אנעמאָנע כ'דאנק אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר.
כ'טו א שמעק,
כ'טו א לעק
און איך פלי אװעק.

נארצים: — כ'בין א שלאנקער, א צעבליטער,
דופטיקער נארצים.
זעץ זיך, בין, אױף מיר אנידער,
טרינק מײַן האָניק זיס!

ב י ן: — כ׳דאנק, נארציס, דיר אָן א שיעור
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק .
און איך פלי אוועק.

פ י אָ ן: — כ׳בין א גרויסער און א רויטער,
בלומיקער פיאָן.
בינעלע, מײַן זאפט איז לויטער,
טרינק מיט אים זיך אָן!

א ל ע: — כ׳דאנק, פיאָן, דיר אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלײַך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק
און איך פלי אוועק.

ב י ן: — פאר די הענטלעך אָנגענומענע,
פרייד לעך זיך געדרייט,
אלע קינדער זענען בלומען
אויפן גרינעם בייט.

איצטער וויגן זיך די בלומען
אום אהער, אהין.
מיט א זינגענדיקן זשומען
פליט ארויס די בין.

פרימאָרגן־שפּיל

(די זון שלאָפט אין דער מיט פון קאראהאָד. ארום איר שלאָפן די שטראַלן. אין איין ווינקל שלאָפט די בלום, אין צווייטן די שאָף, אין דריטן דער האָן און אין פערטן — דאָס קינד.)

די זון: (דערוואכנדיק פון שלאָף, צו די שטראַלן)

— נו, גיך, א סוף,
שטייט אויף פון שלאָף,
פארשווונדן איז די שווארצע נאכט,
שײַנט אויף צעהעלט,
זאָגט אָן דער וועלט,
אז איך, די זון, האָב אויפגעוואכט!

ערשטער שטראל: (כאפט זיך אויף, לויפט צו צו דער בלום, וועקט זי)

— איך קום צו דיר פון הימל,
וואך אויף, וואך אויף פון דרימל!
אין מאָרגנפרי
שטיי אויף און בלי,
דו שיין און פארביק בלימל!

בלימל:

— א דאנק דיר שטראל
פאר גיכן לויף —
איך וואך שוין אויף!
איך וואך שוין אויף!

(שטראל און בלימל נעמען זיך ארום)

צווייטער שטראל: (כאפּט זיך אויף און לויפט צו צו דער שאָף)

— איך יאָג און שטראַל
צו דיר אין שטאַל, —
אַרויס צום פעלד
און וואַסערקוואַל!

שאָף:

— גוט מאָרגן שטראַל!
אַ דאַנק! איך, שאָף,
דערוואַך פון שלאָף.
דערוואַך פון שלאָף!

(שאָף און שטראַל נעמען זיך אַרום)

דריטער שטראַל: (דערוואַכט לויפט צו צום האָן)

— נו, גיכער, האָן,
דער טאָג קומט אָן,
דו ווייסט שוין וואָס צו טאָן!

האָן: (כאַפּט זיך אויף)

— סאַ ליכט! הי-הי!
עס איז שוין פרי!
גוט מאָרגן וועלט!
קו-קו-רי-קי!

(האָן און שטראַל נעמען זיך אַרום)

פערטער שטראל: (דערוואכנדיק, לויפט צו צום קינד)

— דורך לאָדן און דורך פענצטערשויב
בין איך צו דיר געלאָפן, —
שטיי אויף מײַן קינד, גיב זיך א הויב,
גענוג, גענוג צו שלאָפן!

קינד:

— מײַן צימער איז
מיט ליכט שוין פול —
אָט שטיי איך אויף
צו גיין אין שול!

(קינד און שטראל נעמען זיך ארום)

אלע: (מאכן א ראָד, רינגלען ארום די זון און זינגען)

— די וועלט האָט אויפגעוואכט פון דרימל,
דער העלער טאָג האָט זיך צעבליט,
און קינד, און שאָף, און האָז, און בלימל —
מיר טאַנצן, זינגענדיק א ליד.
עס פלעכטן שטראלן זיך אין הימל
און ס׳דרייט די זון זיך אין דער מיט!

אין קאַמפּ

אין האַלבער נאַכט, אין קאַמפּ, איז וואַך
דער רוים, מיט אויסטערלישע טענער:
מיט ביל פון הינט, מיט קאַצנשפּראַך,
מיט העלן קרייען פון די הענער.

ווערט ווידער שטיל און שא אַרום,
און דינע קלאַנגען קוים זיך הערן:
ס׳גערויש פון גראָז און בלאַט, און בלום,
דאָס שטילע סודען זיך פון שטערן.

און אָט דערוואַכט דער קאַמפּ פון שלאָף
מיט נייע קלאַנגען, אין באַגינען:
מיט מעק פון קי און בלעק פון שאָף,
מיט פייגלטריל און זשום פון בינען.

די זון גייט אויף מיט פרייד און שיינט,
די הימלען לאַכן בלוי, אָן זאָרגן.
און יעדער פויער איז דיין פריינט
און גריסט דיך זינגענדיק: — גוט מאָרגן!

רעגן אין קאַמפּ

אין דעם גרינעם קאַמפּ, דעם ווײַטן,
רעגנט, פּלייצט פון אַלע זײַטן.

זינגען פויערים אין רעגן:
— ס'פּלייצט פון הימל אַ פּאַרמעגן!

טאַנצן שאָף און שפּרינגען רינדער,
זינגען פויערישע קינדער:

— רעגן, רעגן, ליבער רעגן,
גיס אַ סך פון אונדזערטוועגן!

זינגען קאָרן, ווייץ און פלאַקסן:
— טרינק אונדז אָן מיר ווילן וואַקסן!

בלומען גלײַכן זיך און ציען:
— גוטער רעגן, העלף אונדז בליען!

זינגען גערטנער, זינגען פעלדער,
זינגעןביימער אין די וועלדער.

און דער רעגן גייט און גייט:
— נאַט אײַך, וואַקסט געזונטערהייט!

אין שטורעם

ס'האָט דאָס ווינטנקינד, דער שטיפער,
ניט געוואָלט זיך לייגן שלאָפן,
איז ער אין דעם קוסט פון רויזן,
צו באהאלטן זיך, אנטלאָפן.

ליגט ער דאָרטן און ער ציטערט,
קוקט זיך אום אין אלע זייטן,
זעט ער ווי זיין ווינטן־מאמע
יאָגט און יאָמערט אין דער ווייטן:

— וו־וו־ווו איז ער מיין קינד, מיין לעבן,
האָט איר ערגעץ אים באגעגנט?
אָ, ווי שטארק עס בליצט און דונערט,
ווי עס שטורעמט, ווי עס רעגנט!

רייסט זי ביימער ביי די קודלעס,
טרייסלט גראָזן, שאָקלט בלומען:
— וו־וו־ווו האָט איר מיין קינד באהאלטן?!
וו־וו־ווו איז ער אהינגעקומען?!

און דער טאַטע ווינט, אין פּליינען,
שטורעמט אום און שרײַט מיט בייזן:
— וו-וו-וואַרט מײַן תּכשיט, כ׳וועל דיך פּאַקן, —
וועסטו ערשט פון מיר שוין לייזן!

יאָגן ביידע אום צעשויבערט,
מיט געיאָמער און געוואַלדן:
— וו-וו-ווײַ, אין וואַלד לאָמיר אים זוכן,
אפֿשר ליגט ער דאָרט באַהאַלטן?

פּײַפט דאָס ווינטנקינד צופרידן:
— פֿיו, מײַן אַלטוואַרג, זײַ אַנטרינען!
זוכט מיך אום פון הײַנט ביז מאָרגן, —
פֿיו, — איר וועט מיך ניט געפינען!

א י ן ס אָ ד

(ק ר יי ז ש פּ י ל)

כ אָ ר :

וואַקסן פּרוכטן־ביימעלעך,
וואַקסן אין אַ ראָד.
הוידען זיך די ביימעלעך
אין דעם גרינעם סאָד.

כ אָ ר :

אַלע וויגן
מיט אַ ניגון
הין און הער דעם קאָפּ,
זינגען, רוישן:
— קומט מיט קוישן,
נעמט די פּרוכט אַראָפּ!

ס אָ ל אָ (באַרנבוים)

— כ׳בין אַ באַרנביימעלע,
ס׳איז מײַן פּרוכט געשמאַק,
יעדע באַר איז זאַפּטיק, געל,
מיט אַ רויטער באַק.

אַלע וויגן... און אַזוי ווײַטער.

ס אָ ל אָ (עפּלבוים)

— איך, אַן עפּלביימעלע,
איז די קרוין בײַ מיר
פול מיט עפּל גלוסטיקע,
זיסע, אָן א שיעור.

אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

ס אָ ל אָ (קאַרשנבוים)

— כ׳בין א קאַרשנביימעלע
און מײַן פּרוכט איז ווײל,
בין איך פול מיט קערשעלעך,
שוואַרצינקע ווי קויל.

אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

ס אָ ל אָ (פלוימענבוים)

— כ׳בין א פלוימענביימעלע,
וואַקסן אויף מיר, זעט,
פלוימען גרויסע, זאַפטיקע,
טונקל־פיאָלעט.
אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

ס אָ ל אָ (מאַרעלנבוים)

— און איך בין דאָס ביימעלע —
מאַמע פון מאַרעל.
זאַפטיק יעדע פּרי מײַנס,
שמעקעדיק און געל.

אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

ס אָ ל אָ (פייגענבוים)

— כ׳בין א יונגער פײַגנבוים,
איז מײַן איטלעך צווײַג
אָנגעפּיקט מיט פּרוכטעלעך —
האָניק יעדע פײַג.

אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

כ אָ ר :

וואקסן פּרוכטן־ביימעלעך,
וואקסן אין א ראָד.
הוידען זיך די ביימעלעך
אין דעם גרינעם סאָד.

אלע וויגן... און אזוי ווײַטער.

מיט פולע קוישן

מיט פולע קוישן שפּאנען,
מיט פרוכטן אַלערליי,
פון דאָרטן און פון דאַנען
די קינדער, אין א ריי.

ס'איז הײַנטיקס יאָר געראָטן
אַראָפּנעם אין דעם סאָד, —
מאַרשירן זיי באַלאָדן
מיט פּירות, טראָט אין טראָט.

עס שטראַלן די מאַראַנצן
פון קוישעלעך אַרויס.
מיט רויטע באַקן גלאַנצן
די עפּל רויט און גרויס.

און גאָלדענע מאָרעלן,
און פלוימען פּיאָלעט,
זיי שײַנען און זיי קוועלן
מיט זאַפטיקייט און זעט.

די קינדערלעך מאַרשירן
מיט לידער און געזאַנג,
עס זינגען מיט קאַלירן
די פרוכטן, אינעם גאַנג.

בִּכּוּרים

מיר קומען מיט געזאַנגען אָן
אין שוּרות, נאָך א נאַנד,
מיר ברענגען דאָ, מיר טראָגן דאָ
דאָס בעסטע פון עם לאַנד:

מאַראַנצן גרויסע, גאָלדענע
און מאַנדלען פיל, און ניס,
און איילבירטן, און מילגרוימען,
און טייטלען האָניק־זיס.

אין קוישעלעך, אין קערבעלעך,
מיט בלומען און א ליד,
מאַרשירן מיר אין וועג אַריין
מיט פריילעכן געמיט.

מיט קוישעלעך, מיט קערבעלעך,
און טרויבן אויף א שטאַנג;
מיר טראָגן דאָ, מיר ברענגען דאָ
בִּכּוּרים מיט געזאַנג.

האַרבסט־מאָטיוו

כאַפּט זיך אויף דער טאָג, דער גרויער,
אַ פֿאַרשלאָפֿענער, אַ שפּעטער:
— אוי, סאַ אומעט! אוי, סאַ טרויער!
סאַראַ רעגנדיקער וועטער!

און געהילט אין ברוין און געלן
ליגן אומעטיק די פֿליינען,
ניט קיין זשומען, ניט קיין טרעלן, —
פֿול מיט ווינטיקע געוויינען.

און אַן אָפּגעפּליקטער, הוילער,
קלאָגט דער בוים אין זײַנע ווונדן:
— זומער ליבער, זומער ווילער,
זאָג, פֿאַרוואָס ביסטו פֿאַרשוווּנדן? — — —

די האַרבסטיקע זון

ס'האָט די האַרבסטיקע זון זיך צעהעלט
און געגישטערט מיט ליכטיקע בליקן,
און געזוכט איבער וואלד, איבער פעלד,
ווו די שטראלן ארונטערצושיקן.

זענען וועלדער געשטאנען פארדארט
און די פייגלשע נעסטן פאַרלאָזן,
און געקרעכצט האָבן פעלדער באַצערט
מיט פארטריקנטע בלומען און גראָזן.

און די זון האָט א קרעכץ געטאָן שווער,
האָט געציטערט מיט ליכטיקע גלידער:
— קיינער דארף מײַנע שטראלן ניט מער! —
און אין וואָלקן באהאלטן זיך ווידער.

שײַן איז האַרבסט אין אַרגענטינע

הימלען בלויע, פעלדער גרינע —
שיין איז הארבסט, אין ארגענטינע!

שיין איז הארבסט, אין בונטע פארבן,
קען די גרינקייט, דאָ, ניט שטארבן.

אָטאָ פאלן בלעטער געלע —
אָטאָ שפּראָצן גרינע, העלע.

גראָזן וועלקן, גראָזן קומען
און עס בליען שיינע בלומען.

זונענשטראלן, פייגלטרעלן,
פלאטערלעך אין רוים, אין העלן.

קומט אמאָל א רעגן־וועטער —
העלער שײַנט די זון נאָך שפּעטער.

אָט א נעפּל אלץ פארשפּונען —
אָטאָ איז ער שוין צערונען.

הימלען בלויע, פעלדער גרינע —
שיין איז האַרבסט אין ארגענטינע!

אין די בערג פון טאַנדיל

אין די פרישקײַט דאָ גרויס
אין דעם וואלדיקן שויס,
אויפן פעלזיקן קארק
פון דעם ריזיקן בארג.

און א ווינטעלע ווייט
אזוי דופטיק און קיל,
צווישן יאָדלעס, אין וואלד,
אין די בערג פון טאַנדיל.

און א פייגל־געזאנג,
דאָ א טריל, דאָרט א קלאנג,
א גערויש, א געזשום, —
ס'שפּילט ארום און ארום.

און אין גראָז פידלט צו
אזוי פרייליך א גריל,
צווישן יאָדלעס, אין וואלד,
אין די בערג פון טאנדיל.

אלץ איז גרין און צעבליט —
וואקסט די פרייד אין געמיט.
כ'רו אָן זאָרג און אָן יאָך
אין די גראָזן, אין מאָך.

און עס רײַסט זיך פון הארץ,
הויך, א ליד, מיט געפיל,
צווישן יאָדלעס, אין וואַלד,
אין די בערג פון טאַנדיל.

טוקומאַן

טוקומאַן, טוקומאַן,
איז אַ שטאָט אַזאַ פאַראַן,
פול געשיכטע פונעם לאַנד
ווו איר גיט אַ וואָרף אַ בליק,
און די גאָרטנשטאָט איז זי
פון דער היגער רעפּובליק.

האָט אַ פּלאַסע ברייט און גרין —
דאָ געווען איז סאַן מאַרטין.
שטייט אַ הויז היסטאָריש, קליין:
אַרגענטינעס גרויסע לײַט
האָבן דאָ דאָס לאַנד דערקלערט
אומאָפּהענגיק און באַפרײַט.

טוקומאַן, טוקומאַן,
איז אַ שטאָט אַזאַ פאַראַן,
האָט אַלבערדי דאָ געלעבט
און אַ גרויסער פּרעזידענט,
דאָס דערציילט אַ הויז, אַ גאַס,
דאָס דערציילט אַ מאָנומענט.

איז דאָרט זומער א גאַנץ יאָר,
זענען הימלען בלוי און קלאָר.
בערג א קייט ארום דער שטאָט,
ווי א שווערער וואָלקנפּאס,
און מאַראַנצן וואַקסן דאָרט
ביי דער זייט פון יעדער גאַס.

טוקומאַן, טוקומאַן,
איז א פּארק, אין שטאָט, פאַראַן
פּרעכטיק, בלומענדיק און גרויס,
דענקמעלער און אין דער מיט
שטייט אַן אינדיאַנער גאָץ
אויסגעהאַמערט פון גראַניט.

ליגן שטיינער ביי דער זייט
נאָך פון פאַר קאָלומבוס־צייט.
האָבן אינקאַס דאָ געוווינט
און געלעבט אין גליק און רו,
הייסט, צום שטאָט, א וועג, ביז היינט,
„על קאַמינאָ דעל פּערו".

טוקומאַן, טוקומאַן,
איז אין ווינקל פּאַרק פאַראַן
נאָך, אַן הילצערנע מאַשין,
פון א גלח־פאַבריקאַנט,
וואָס האָט צוקער פאַבריצירט,
דאָרט, דער ערשטער אינעם לאַנד.

הײַנט — פּלאַנטאַציעס, װײַט און ברײט,
פֿול מיט צוקערראָר פֿאַרזײט
ציִען זיך אַרום דער שטאָט
און פֿאַבריקן, יעדעס יאָר,
פּרעסן טאָנען צוקער אױס
פֿון דעם הױכן צוקערראָר.

טוקומאַן, טוקומאַן,
פֿול געשיכטע, װי אַ שפּאַן.
מיט דעם נאָמען זי געקרױנט
האָט נאָך אינדיאָס אַ קאַציק.
און די גאָרטנשטאָט איז זי
פֿון דער היגער רעפּובליק.

מיר גייען

(מאַרשליד)

צעשטעלט זיך נאָר קינדער מיט וואנדער־געמיט,
אזוי ווי די זעלנער, אין רייען,
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס פרייליכע ליד:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

ארויס פון דעם שטאָטישן טומל, געדראנג,
אויף רחבֿותע וועגן, שאָסייען,
פארפלייצן די פליינען מיט אונדזער געזאנג:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

זאָל העלפן אונדז זינגען דאָס ווינטל אין פעלד,
אין רוימען די קלאַנגען צעווייען,
פארשפרייטן דעם ניגון אין חלל פון וועלט:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

עס זאָלן אונדז וואסערלעך לויטער און קיל,
וואָס שלענגלען זיך ווייט און פארדרייען
מיט זילבערנע וועלעכלעך צומורמלען שטיל:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

און זאָלן זיך וועלדער, אויף באַרג און אין טאָל,
מיט אונדזערע לידער דערפרייען,
דאָס עכאָ זאָל מיטברומען הויך אויפן קול:
— מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

צעשטעלט זיך נאָר קינדער מיט וואַנדער־געמיט,
אַזוי ווי די זעלנער, אין רייען,
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס פרייליכע ליד:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

מיר קומען אָן!

(מ א ר ש ל י ד)

מיר קומען אָן! מיר קומען אָן!
מיר שפּאַנען פריילעך און מאַרשירן.
הויך פלאַטערט אונדזער העלע פאָן,
די פאָן פון לערנען און שטודירן.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס'מאַרשירט אין ריי, ס'מאַרשירט אין ריי.
די יונגע שולאַרמיי.

מיר קומען אָן מיט העלער פרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפן.
עס ציט פאַרויס די שילערקייט
פון מִזרָח, מַעֲרָב, דָרוֹם, צָפוֹן.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס'מאַרשירט אין ריי, ס'מאַרשירט אין ריי.
די יונגע שולאַרמיי.

און אונדזער שילערפאָלק איז גרויס,
אָן לאַסט פון זינד און פריַי פון זאָרגן,
מאַרשירן מיר פאָרויס, פאָרויס,
צום העלן, זונעדיקן מאָרגן.

און ריטמיש קלאַפן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס׳מאַרשירט אין ריי, ס׳מאַרשירט אין ריי,
די יונגע שולאַרמיי.

צום נײַעם שולײאָר

שטייט די שול אָן אויסגעפּוצטע,
שמייכלט פֿול מיט פֿרייד:
— גוטע קינדער, געסט איר ליבע,
קומט געזונטערהייט!

כ׳בין געווען אַזוי פֿאַרלאָזן
דרײַ מאָנאַטן לאַנג,
אָן געריוש און אָן געלעכטער,
אָן אײַער געזאַנג.

ס׳האָט די אומעטיקע שטילקײַט
מיך אַזוי געקרענקט,
כ׳האָב געקרעכצט אין פּוסטע קלאַסן,
אוי, האָב איך געבענקט!

אָבער איצטער קומט איר ווידער,
כ׳בין שוין מער ניט וויסט.
פֿרישע קינדער, אויסגערוטע —
זײַט מיר ליב געגריסט!

דער שילער און די שרײַבגעצײַג

(ק ר יי ז ש פּ י ל)

ש י ל ע ר: — איך בין א גוטער שילער,
איך לערן און איך שטײַג,
א פלײַסיקער, א שטילער, —
אָט פרעגט די שרײַבגעצײַג!

שרײַבגעצייג: — מיר זענען שרײַב־מַכשירים,
מיר שטייען דאָ אין קרײַז.
בײַם לערנען העלפן מיר אים —
ער לערנט זיך מיט פלײַס.

לערנבוך: — איך בין זײַן לערנביכל
פון וויסן און פון שפּראך,
שטודירט ער מיך און איכ׳ל
אים אויסלערנען א סך.

ה ע פ ט: — א ריינעם אויסגעקליבן
האָט ער מיך אין געשעפט,
נאט, זעט, ווי שיין פארשריבן
בין איך אַצינד, זײַן העפט.

פ ע ן: — ער פירט מיך גלײַך אין שורה
בײַם שרײַבן, כ׳בין זײַן פען
און מאכט דערנאָך מײַן צורה
ווי זויבער נאָר ער קען.

מ ע ק ע ר: — אָטאָ, איך בין זײַן מעקער
פון גומי, קליין און גראָב,
און מאכט ער אמאָל פלעקן —
איז רײַבט ער מיט מיר אָפּ.

ב ל ײַ ע ר: — אָט קום איך, דאָ, זײַן בלײַער,
באַטראַכט מיך אַלע איצט:
כ'בין שטענדיק ווי א נײַער
און שטענדיק גוט פאַרשניצט.

ר ע נ צ ל: — נו, פאָלגט־זשע מיך, דעם רענצל,
איך גיב א הויכן זונג —
און לאָמיר גיין א טענצל
ארום דעם ווילן יונג.

ש י ל ע ר: — די שרײַב־מַכשירים זינגען —
איך בין דער דיריגענט.
זיי טאנצן און זיי שפּרינגען —
איך פּאטש צו מיט די הענט.

ביז מאָרגן

מע האָט, אצינד, פון הויכן מאסט,
די פאָן אראָפּגעלאָזן —
— ביז מאָרגן שול! ביז מאָרגן קלאַס!
מיר גייען איַיך פארלאָזן!

א גוטן טאָג חבֿרים, פריַינט,
מיר שיידן זיך מיט לידער,
מיר ענדיקן דאָס לערנען, היַינט
און קומען מאָרגן ווידער!

אהיים! מיר זינגען הויך אין כאָר,
צעשטעלט אין גליַיכע רייען:
— ביז מאָרגן לערער, דירעקטאָר!
מיר גייען שוין, מיר גייען!

איך קען ציילן

איך קען ציילן, הערטזשע, קינדער,
איך קען ציילן אוש ביז צען:
איינס — מײַן רענצל, צוויי — מײַן טינטער,
דרײַ — צוזאַמען מיט מײַן פּען.

ט'איז מײַן רענצל און מײַן טינטער,
און מײַן פּען, און מײַן פּאַפּיר,
צייל איך איבער עס געשווינטער:
איינס און צוויי, און דרײַ, און פיר.

פיר פון מײַנע שרײַב־מכשירים.
נעם איך איצט דעם מעקער אָן
און דערלייג דאָ צו דעם פיר אים, —
האָבן מיר שוין פינף אין קאָן.

פינף. און נאָך צונויפגעקליבן,
און צום ציילן דאָ געבראַכט,
העפט און ביכל — זעקס און זיבן,
און דעם שניצער — איז שוין אַכט.

איצט אין גאַנצן צוויי נאָך פעלן,
אָט דערלייג איך, וועט איר זען:
נײַן — מײַן בלײַפעדער דעם געלן,
מיך דעם שילער — האָט איר צען.

די ציפּער און די זעראָ

אַלע צוזאַמען,
פון איינס ביז דער נײַן,
טאַנצן די ציפּער
ראָד אויס און ראָד איַין.

שטייט נאָר די זעראָ
אין רעדל, פאַרשעמט,
שטייט אין אַ ווינקל
פאַרלאָזן, צעקלעמט.

לאַכן די ציפּער:
— ווי אָרעם דו ביסט!
זעראָ, דו ביסט דאָך
אַ גאָרניט מיט נישט!

שפּרינגט אויף די זעראָ
גאָר פּלוצלינג מיט פרייד,
שרײַט צו די ציפּער:
— הערט אויס מײַנע רייד:

כ׳בין טאקע אָרעם,
נאָר כ׳האָב מיך באקלערט, —
איינע אליין האָב איך
טאקע קיין ווערט.

נאָר ווער פון אײַך
ס׳וועט מיך נעמען אין שפּיל —
וועט ער באלד ווערט זײַן
צען מאָל אזוי פיל.

אָפּן איז די ביבליאָטעק

אָפּן איז די ביבליאָטעק
און די שרענק מיט ביכער פול. —
זעט, סא ליכטיקן פארמעג,
האָט געשענקט אונדז אונדזער שול!

שמייכלען טירן, אָפּן ברייט:
— קומט, מע האָט אײַך פֿײַן באַלוינט!
זינגען ביכער פול מיט פרייד:
— קינדער, לייענט אונדז און שוינט!

שטראַלט די שול פון עק ביז עק,
הילכט מיט שׂמחה גראד נאָך גראד:
— לעבן זאָל די ביבליאָטעק!
לעבן זאָל דאָס בוך, וויוואַט!

שולגלעקל און טינטערל

האָט שולגלעקל ארויסגעשטעקט
דאָס צינגעלע פארשמאכט
און האָט א שטילן קרעכץ געטאָן
אין סאמע האלבער נאכט:

— אוי, טינטערל, דו טינטערל,
דריי אויס דיַין פּנים שווארץ
און לאָז מיך פאר דיר אויסגיסן
מיַין פול און ביטער האַרץ.

מיט דיַינע טינט פארצייכנט מען
אמאָל גאָר קלוגע רייד, —
ווערסטו, אֶפשר, מיר עֶצהנען
און זאָגן דעם באשייד:

וואָס זענען מערער קינדער
אויף מיר ברוגז און אין כּעס
ווען כ'קלינג, ווען איך צעגלעקל זיך
און רוף אריַין אין קלאַס?

אריַינצוגיין דערפרייט זיך נאָר
א קליינע גרופּע בלויז,
די איבעריקע טאנצן אויש
ווען כ'גלעקל אויף ארויס.

מײַן שפּראַך איז דאָך די זעלביקע,
כ׳קלינג שטענדיק: — דין, דין, דאָן!
אַז יעדער זאָל מיך ליב האָבן, —
איז וואָסזשע דאַרף איך טאָן?

אַ גענעץ גיט דאָס טינטערל
און זאָגט גאָר שטיל און שוואַך:
— געפעלן ווערן אַלעמען,
איז גאָר אַ שווערע זאַך!

מײַן זעלבער טינט שרײַבט שורות אָן,
איז בעסער מיינסטו, וואָס?
קען ווער פון דעם צופרידן זײַן,
אַ צווייטער — קרימט די נאָז.

דו טו דײַן אַרבעט, קרענק זיך ניט,
אַבי נאָר גוט געמאַכט.
לאָז שלאָפן איצטער, גלעקעלע,
ס׳איז שפּעט. — אַ גוטע נאַכט!

טיטאָס שיכלעך

נאָך א טאָג פון שטיפ און שפּיל —
שלאָפט איצט טיטאָ מיד און שטיל.

נאָר בײַ אים אונטערן בעט,
האָבן שיכלעך זיך צערעדט.

קרעכצן בײדע שטארק פארשמאכט:
— דאנקען גאָט, וואָס ס'איז שוין נאכט!

וויפל פּײַן און וויפל פּלאָג
שטייען מיר דאָס אויס דעם טאָג.

וויפל גאסן לאנג און גרויס
מעסט ער מיט אונדז, טיטאָ, אויס.

קלאפט מיט אונדז, אז ס'גייט א רויך
פּילקעס, שמאטעס, שטיינער אויך — — —

ווו א בוידעם — איז ער פול.
ער אַנטלויפט מיט אונדז פון שול.

הייסט די מאמע ווו אים גיין, —
דריגעט ער מיט אונדז אויף ניין.

קאָפּעט קינדער ווו ער קריגט.
זעט ווי מיר זענען צעפליקט!

קוקט ווי מיר זענען פארשמוצט,
ניט געריייניקט, ניט געפוצט!

קרעכצן שיכלעך זײַט בײַ זײַט:
— אוי, ס'איז טיטאָ ניט קיין לײַט!

טיטאָ האָט מיך פײַנט

ליגט אין וואַשצימער דאָס זייפל,
קרעכצט אַ גאַנצן טאָג,
און ווען ס׳קומט נאָר אָן דער אָוונט, —
ברעכט עס אויס אין קלאָג:

— בערשטל, קעמל, קראַן און האַנטעך,
טײַערינקע פרײַנט,
וואָסזשע זאָגט איך צו מײַן מזל? —
טיטאָ האָט מיך פײַנט!

נאָר ער מײַדט מיך, נאָר ער ווײַכט מיך,
כ׳וויל דאָך טאָן אים גוטס,
כ׳וויל זײַן קערפּער, הענט און פּנים
רייניקן פון שמוץ.

כ׳וויל באַפרײַען אים פון בלאָטע,
מאַכן פײַן און ריין,
זאָלן אַלע זען און וויסן,
אַז ס׳איז טיטאָ שיין.

קוקט ניט טיטאָ אין מײַן ווינקל,
רירט ער מיך ניט אָן.
בערשטל, קעמל, קראַן און האַנטעך —
וואָסזשע זאָל איך טאָן? — — —

פאַרוואָס בין איך ניט קראַנק?

בערל איז א פוילער,
האָט פײַנט זײַן שול, זײַן באנק, —
איז ער מקנא, שטענדיק,
א יעדן וואָס איז קראנק:

— אָט יאָסל האָט א מזל:
די שול באזוכט ער ניט
שוין באלד א גאנצן חודש,
צוליב זײַן דיפטעריט.

און מאָטל האָט גאָר מאָזלען,
און יאנקל שקארלאטין,
דער האָט אזא מין קראנקהײַט
און דער — אן אַנדער מין.

און ער — איז א געזונטער,
געפּאקט און אויסגעפּילט,
איז קיינמאָל ניט פארקאטערט
און קיינמאָל ניט פארקילט.

באטראכט אים ווען דער דאָקטער —
דערהערט ער, צום פארדרוס:
— ביסט בערל, אָן עַין־הָרע
געזונט, נאָר ווי א נוס!

באזוכט האָט ער, אנומלט,
א חַבֵר, אין שפּיטאָל,
האָט ער געקוקט מיט קִנאָה,
געטַעֲנֶהט אויפן קָול:

— נו, זעט א מין גַן־עֵדן:
די בעטלעך אלע פול
מיט גליקלעכע, מיט קינדער,
וואָס גייען ניט אין שול!

איז בערל א באטריבטער,
אים פּײַניקט איין געדאנק:
— אוי, בין איך א שלימַזל!
פארוואָס בין איך ניט קראנק? — — — —

טַענֶהט די מַטבֵּע פון פינף סענט

טַענֶהט אין דעם קינדלס הענט
די מַטבֵּע פון פינף סענט:

— ווו בין איך שוין ניט געווען?
וואָס האָב איך שוין ניט געזען?

פּאַלאַץ, שטיבל און פאבריק,
ארבעט, דַלֶות, פּראכט און גליק.

כ'וואנדער אום ביַי קליין און גרויס,
האנט אריַין און האנט ארויס.

איינער האלט מיך לאנג ביַי זיך,
איינער שיקט אוועק מיך גיך.

כ'האָב ליב גיין צו הילף אין נויט
און אין קראָם פון שפּיַיז און ברויט.

כ'ציטער אָבער און איך וויין
ווען כ'מוז אין אפּטייקן גיין.

כ'האָב אויך פּיַינט און מיַיד פארביַי
יעדע קלייט פון נאשעריַי.

אָט די קלייטן, ווי און ווינד,
מאכן קראנק א יעדעס קינד,

פוילן ציין אויף שריט און טריט,
רויבן צו דעם אפּעטיט.

איך דערפריי מיך ווען איך לויף
מיטהעלפן אין ביכערקויף

און אין שרײַבגעצײַג־געשעפט,
נאָך א בלײַער, נאָך א העפט.

יאָ, כ׳בין מיד פון לאנגן וועג.
טראָג מיך, קינדל, איצט אוועק

צו דײַן שפּאָרקאסע, אהין,
צו די ברידער פון מײַן מין.

לייג מיך דאָרטן, די מינוט,
כ׳וועל מיך אויסרוען גאָר גוט.

און ווען ס׳קומט א גוטער צוועק,
רוף מיך דעמאָלט, קינד, און וועק, —

שפּרינג איך גלײַך, ארויס מיט פרייד:
— כ׳בין צופרידן! איך בין גרייט!

דאָס געוויין פון בריוונבלאַק

גיט א קרעכץ דער בריוונבלאַק
און פארגייט זיך אין א קלאָג:

— זעט נאָר, ווי איז מיר און ווינד,
וואָס ער ווערט פון מײַן געזינד.

מײַנע קינדער פון פאפיר
רײַסן גאָר זיך אָפּ פון מיר.

אלע טאָג גייט ווער אוועק,
יעדער אין אן אנדער וועג.

איינער כאַפט א גרוס און פאָרט
צו א קרובֿ, ערגעץ דאָרט.

שווימט א צווייטער, אין א שיף,
איבער ימען ברייט און טיף,

פירט דער באָבען גוטע רייד,
ליבע, בענקעניש און פרייד.

גייט א דריטער, ווײַט, העט, העט,
איבער לענדער, איבער שטעט,

טראָגט א טרייסט און טראָגט א טרער
פאר די פרײַנט וואָס לײַדן שווער — — —

און אמאָל נעמט טאטע גלאט
זיך צו שפּילן מיט זײַן יאט, —

רײַסט ער קינד נאָך קינד בײַ מיר,
קנייטשט אים פערדלעך פון פּאפּיר.

און ווער ס׳גייט פון מיר אוועק,
קומט ניט מער צוריק — א שרעק!

איך פארשווינד אין ווײ, כ׳גיי אײַן, —
און מײַן סוף, זאָגט, וואָס וועט זײַן? — —

וואַקאַציע

געשלאָסן איז אצינד די שול,
פארמאכטע שטייען קלאסן,
מיט קינדער, קליינוואַרג, זענען פול
די פלעצער און די גאסן.

און פריילעך זינגען זיי אין כאָר
און שפרינגען אום און זשומען:
— גוט יום־טוב, קינדער, אונדז, גוט יאָר:
וואַקאַציע איז געקומען!

און יעדער פּאַרק, ער ווינקט און רופט,
א גרינער און א ליבער:
— צו מיר, צו מיר, נאָך פרישע לופט —
פאַרלאָזט אײַערע שטיבער!

עס זינגען וואַלד און פעלד, און טײַך,
מיט פרישקייט און מיט בלומען:
— צו אונדז, צו אונדז, גוט יום־טוב אײַך! —
וואַקאַציע איז געקומען!

הערט אַ מַעשׂה, הערט אַ וווּנדער

הערט א מַעשׂה, הערט א וווּנדער:
גיט מײַן קינדל נאָר א לאך —
פֿליט אין לופֿטן איר געלעכטער
און בלײַבט הענגען אויפֿן דאך.

לאכן טויבן, לאכן שפּערלעך,
אַזוי גלעקלדיק און פֿרײַ,
לאכן אלע מינים פֿייגל,
ווען זיי פֿליען דאָרט פֿארבײַ.

הערט א מַעשׂה, הערט א וווּנדער:
גיט מײַן קינדל נאָר א זונג —
פֿליט איר ליד צו דער לבֿנה,
בלײַבט דאָרט הענגען מיט א קלונג.

זינגען שטראלן, זינגען שטערן,
אזוי גלעקלדיק און פֿרײַ,
זינגען אלע זילבער־וואָלקנס,
ווען זיי שוועבן דאָרט פֿארבײַ.

ווי מײַן מאַמע

כ׳בין ניט מער קיין ברעקל מיידל,
זעט, עס קליידט מיר אזוי גוט
מאמעס שיך און מאמעס קליידל,
טאש און הענטשקעס און איר הוט.

כ׳שטיי בײַם שפּיגל אין די זאכן, —
ס׳איז מײַן אויסזען פײַן און גלאט.
כ׳וועל מײַן טואלעט איצט מאכן
ווי מײַן מאמע, אקוראט.

זאָגט, איך שפּרײַז ניט ווי קיין דאמע?
כ׳בין א גרויסע שוין, ס׳איז קלאָר,
איך בין ריכטיק איצט מײַן מאמע, —
אז ס׳זאָל פעלן עס א האָר!

ליאַלקעלע וויל עסן!

גיכער, קיכעלע, דו מײַן,
קאָך און פּרעגל גוט און פֿײַן,
דאַרפסט דאָך ניט פאַרגעסן:
ליאַלקעלע וויל עסן!

כ'האָב מיט איר א סך שפּאַצירט
און אין גאָרטן זי געפירט,
לאַנג מיט איר געשפּרונגען
און געטאַנצט, געזונגען.

איצטער זיצט זי מיד און שטיל,
אין א ווינקל, אויפן דיל.
אָ, זי שרײַט שוין: — מאַמע! —
הונגעריק מסתּמא.

גיכער, קיכעלע, דו מײַן,
קאָך און פּרעגל גוט און פֿײַן,
דאַרפסט דאָך ניט פאַרגעסן:
ליאַלקעלע וויל עסן!

שפּיל ניט מיט כּלי־זין

האַלבע נאַכט. אין בעטל שלאָפט
יאָסעלע דער יעגער.
פּלוצלונג — זײַנע שפּילגעצײַג
קומען צום געלעגער.

אַלע, שטאַרק צעמזיקטע,
װײנען זײ און שרײַען:
— אױ, נעם צו פֿון אונדז ביקס!
שפּיל ניט מיט כּלי־זין!

קוק, זי האָט, פֿון העלער הױט,
זיך אין אונדז צעשאָסן,
ס'האָט דײַן בײזע שפּילגעצײַג
אונדזער בלוט פֿאַרגאָסן.

קומט דאָס בערעלע צום בעט
קרעכצט אין װײ געבױגן:
— זע, דײַן ביקס האָט אױסגעזועצט
מײַנע בײדע אױגן!

שפּרינגט דאָס העזעלע אין שרעק,
װײנט אין שװערן טרױער:
— אָפּגעשאָסן האָט אַ קױל
מיר אײן לאַנגן אױער!

שרײַט דער גומיהאָן: — אין בויך
מיר געמומען קנאַלן!
איך פאַרליר מײַן לעצטן הויך,
אָט־אָ װעל איך פאַלן!

װאַקלט אום זיך דער פּאַיאַץ,
גיסט מיט טײַכן טרערן:
— מיר — אין נאָז אַרײַן געצילט
און דערנאָך אין שטערן!

אויף דער שװעסטערס ליאַלקעלע
איז אַ צַער צו קוקן:
אָפּגעשאָסן הענט און פּיס —
ליגט זי אויפן רוקן.

אַלע שטאַרק צעמזיקטע
װײנען זײ און שרײַען:
— אוי, נעם צו פון אונדז דײַן ביקס!
שפּיל ניט מיט כּלי־זין!

וויין נישט בערעלע

וויין ניט בערעלע, מײַן קינד,
ס'וועט דײַן שוועסטערל נאָך קומען,
ליאַלקעלע איז קראַנק, מען האָט
אין שפּיטאָל זי צוגענומען.

געכטן, בײַ דעם טאַנץ, איז זי
שלעכט געפאַלן און אומגליקלעך,
ס'הענטל האָט צעבראָכן זיך
און איר קעפּל אויך אויף שטיקלעך.

ס'איז מײַן ווייטאָג זייער גרויס,
כ'קען דיר גאָרניט אויסדערציילן!
איצטער ליגט זי אין שפּיטאָל,
דאָרטן וועט מען זי פאַרהיילן.

און דו, בערעלע, מײַן קינד,
דײַנע טרערעלעך זײַ רינען,
זוכסט דײַן שוועסטערל אַרום —
און דו קענסט זי ניט געפינען.

כ'וועל דיך נעמען אויף די הענט
און דיר זינגען שיינע לידער.
הײַנט קומט ליאַלקעלע צוריק
מיט געזונטע, נײַע גלידער!

אַ ווּנדער־שפּילמאַשין

שטייט דאָס בענקל, טענהט, שרײַט:
— מאכט א ווארע, פּראָסטע לײַט!

טיש און שאפע, און בופעט —
דרך־ארץ ווען איך רעד!

פרעגט נאָר טיטאָן ווער איך בין —
כ׳בין א ווּנדער־שפּילמאשין:

אַמאָ בין איך גאָר זײַן פערד,
און אַט לייגט ער מיך פארקערט,

כ׳ווער א טראמוויַ, צי א באַן,
אָדער גאָר אַן עראָפּלאַן.

און דאָ ווער איך גאָר א שיף,
שווים אין ימען ברייט און טיף.

מיט א קולכל,באלד, א דינס,
שרײַט ער: — כ׳פיר א וועגל גרינס!

װאָס מיר בענקל, װען מיר באַנק —
איצטער בין איך גאָר א טאַנק,

פּאָר און שיס אויף לינקס און רעכטס,
העלף איך קעמפן קעגן שלעכטס.

לאַכט ניט מעבל, שטיקער האָלץ!
שרײַט דאָס בענקל הויך און שטאָלץ:

— פרעגט נאָר טיטאָן װער איך בין —
כ'בין א װוּנדער־שפּילמאַשין.

דער טיש, די שטולן און דער זייגער

שטייט דער טיש אין מיט פון צימער
און ער קלאָגט זיך אין געוויין:
— וואָסזשע טויגן מײַנע פיס מיר,
אז איך קען אויף זיי ניט גיין?

העלפן אים די שטול קרעכצן:
— ער איז דאָך גערעכט, נו, אָט
מיר קענען דאָך אויך ניט מאכן
מיט די פיס דעם קלענסטן טראָט!

— איך האָב ניט קיין פיס אין גאנצן!
לאכט דער זייגער גאָר געשמאַק:
— און איך לויף און גיי כּסדר,
טיק און טאק! און טיק, און טאק!

די זייגערס

(קריזשפּיל, נאָך דײַטשישן)

די זייגערס, ליבע קינדער,
זיי האָבן ניט קיין רו,
זיי גייען זומער, ווינטער
און קלאַפּן פריילעך צו:
טיק־טאַק! טיק־טאַק!

די זייגערס אויף די טורעמס
זיי גייען גאָר באַזאַכט,
אין רעגנס און אין שטורעמס,
גאַנץ רויק, טאָג און נאַכט:
טיק־טאַק! טיק־טאַק!

עס גייען אָבער גיכער
די זייגערס אויף דער וואַנט,
דער טאָן איז שטענדיק זיכער,
זיי קלאַפּן נאָך אַ נאַנד:
טיק־טאַק! טיק־טאַק!

די קליינע אָבער אײַלן,
— קיין צײַט געווים נישטאָ —
זיי מאַכן הונדערט מײַלן
אין רעדל, יעדע שָעה:
טיק־טאַק! טיק־טאַק!

דרײַ רעדער

(קרײַזשפּיל, נאָך דײַטשישן)

דריי זיך אינעם זייגער, פײַן,
רעדעלע אזוי,
אז מיר זאָלן זיכער זײַן
מיט דער צײַט, גענוי.
זייט דאָס רעדל: צאך! צאך! צאך!
און דער זייגער רעדט זײַן שפּראך:
— טיקע! טאקע! טיקע! טאק!
טיקע! טיקע! טאק!

גרעסער מוז דאָס רעדל זײַן
אין דער נײמאשין.
זייט דאָס רעדל גלאַט און פײַן,
מיטן פאָדעם דין.
און אין פריילעכן גענײ
זייט דאָס רעדל: דריי! דריי! דריי!
זורע! זורע! זורע! זור!
זורע! זורע! זור!

מילראָד, גרעסער פון די צוויי,
טוט געטרײַ די זאך:
מאָלט אונדז קערנער אין געדריי —
וועט זײַן ברויט א סך.
העלפט נאָר וואסער, פארע, ווינט!
מילראָד, דריי זיך גאָר געשווינט
גיך ארום! ארום! ארום!
גיך ארום! ארום!

רײַטער און פערד

(באַוועגונג־שפּיל, פרײַ באַאַרבעט נאָך דײַטשישן)

זיצט דער רײַטער שטאָלץ, געלאַסן,
טראָגט אים פערדל איבער גאַסן:
— העי, מײַן פערדל, יאָג זיך ניט,
גיי פּאַמעלעך, טריט בײַ טריט!

מיט דער בײַטש אין לופטן שמיצט ער
און שפּאַנט אָן די לייצעס איצטער:
— טראָג מיך פערדל גיכער, טראָג,
הייב אָן לויפן, גיב א יאָג!

דאַרף מען איצטער גאָר פּראָבירן
מיטן פערדל גאַלאָפּירן.
מאַכט דער רײַטער: — האָפּ! האָפּ! האָפּ! —
לאָזט זיך פערדל אין גאַלאָפּ.

זענען ביידע מיד געוואָרן,
טאַקע שוין א סך געפאָרן, —
ווערט פאַר הײַנט גענוג שוין זײַן:
— פערדל, גיי אין שטאַל אַרײַן!

לעבן זאַל גימנאַסטערײַ

(פרײַ נאָך דײַטשישן)

האָט איר, קינדער, שוין פּראָבירט
גײן ווי בוּשל גײט, שפּאַצירט?
— איינס, צוויי, דרײַ, פיר,
שפּאַנען אַלע אין מאַרשיר.

איצטער ווײַזט נאָר, צי איר קענט
ווי פּאַיאַץ באַוועגן הענט?
— היפּ! האָפּ! היפּ! האָפּ!
דאָ אַרויף און דאָ אַראָפּ.

קענט איר, קינדער, מאַכן אויך,
ווי דער בער פּאַלט אויפן בויך?
אָט אַזוי! אָט אַזוי!
אַלע מאַכן עס גענוי.

ווײַזט איצט, קינדער, גיכער, מיר,
ווי גייט קאַץ אויף אַלע פיר:
גיי! גיי! גיי! גיי!
ווי די קעצלעך, אין א ריי.

איצטער, קינדער, ווי א וויג,
בויגט זיך אַלע הין, צוריק:
קער! קער! קער! קער!
דאָ אַהין און דאָ אַהער.

נו, איר זענט געווים שוין מיד, —
שטעלט זיך גלײַך און זינגט א ליד:
טרײַ! טרײַ! טרײַ! טרײַ!
לעבן זאָל גימנאַסטערײַ!

דער בעטלער

(קרײַזשפּיל נאָך דײַטשישן)

— בים! בום! באָם!
ווער קלאַפּט אין טיר: טאַק־טאַק!
עס קומט געוויס דער בעטלער אָן
און טראָגט א פּוסטן זאַק.

— אָ, עפנט, ליבע לײַט
און שענקט עפּעס דערבײַ,
ווײַל כ׳האָב פון נעכטן, מיטאָגצײַט,
נאָך ניט געטאָן קיין קײַ!

— נו, קום אין שטוב אַרײַן
און שטיי ניט אויף דער גאַס,
דו דאַרפסט לעם אונדזער טיר ניט שטיין,
ביסט הונגעריק און בלאַס!

— מײַן זאַק איז פול און שווער
מיט עסן און מיט געלט!
און פריילעך איז דער בעטלער, מער
פאַר אַלע אין דער וועלט!

באַוועגונג־שפּיל

(פרײַ נאָך דײַטשישן)

כ׳בין א שוסטער, כ׳ארבעט גיך, —
מאך איך שיינע שיך:
גרויסע שיך,
קליינע שיך,
ברייטע שיך,
שמאָלע שיך.
כ׳בין א שוסטער, כ׳ארבעט גיך, —
מאך איך שיינע שיך.

כ׳בין א שנײַדער, ס׳איז מײַן פאך, —
ניי איך רעק א סך:
גרויסע רעק,
קליינע רעק,
ברייטע רעק,
שמאָלע רעק.
כ׳בין א שנײַדער, ס׳איז מײַן פאך, —
ניי איך רעק א סך.

כ׳בין א בעקער, באק איך מיר
ברויטן אָן א שיעור:
גרויסן ברויט,
קליינעם ברויט,
שווארצן ברויט,
ווײַסן ברויט.
כ׳בין א בעקער, באק איך מיר
ברויטן אָן א שיעור.

כ׳בין אַ קעכין דאָ אין שטוב,
קאָך איך מינים זופּ:
פעטן זופּ,
פאַסטנעם זופּ,
גרינסן - זופּ,
סויסן - זופּ.
כ׳בין אַ קעכין דאָ אין שטוב,
קאָך איך מינים זופּ.

כ׳בין אַ וועשין, ווי איר זעט,
וואַש איך סאָרטן גרעט:
גרויסע גרעט,
קליינע גרעט,
ווײַסע גרעט,
טונקלע גרעט.
כ׳בין אַ וועשין, ווי איר זעט,
וואַש איך מינים גרעט.

כ׳בין אַ קליינער טענצעריונג —
גיב איך יעדן שפּרונג:
גרויסן שפּרונג,
קליינעם שפּרונג,
לאַנגן שפּרונג,
קורצן שפּרונג.
כ׳בין אַ קליינער טענצעריונג —
גיב איך יעדן שפּרונג.

בעלי־מלאכות־שפּיל

שוסטער, שוסטער, אַרבעט גיך,
מאַך פון לעדער נײַע שיך,
נײ און קלאַפּ געשווינדער, —
באָרוועס גייען קינדער.
שוסטער, שוסטער, אַרבעט גיך,
מאַך פון לעדער נײַע שיך.

שנײַדער, שנײַדער, נײ און שטעפּ,
אָט איז סחורה און געוועב,
נײ און פּרעס כּסדר, —
מענטשן דאַרפן קליידער.
שנײַדער, שנײַדער, נײ און שטעפּ,
אָט איז סחורה און געוועב.

סטאָלער, סטאָלער, אַרבעט אויס
מעבל קליין און מעבל גרויס,
הובל, זעג און האַמער —
ליידיק שטייט די קאַמער.
סטאָלער, סטאָלער, אַרבעט אויס
מעבל קליין און מעבל גרויס.

שלאָסער פּײַל און שמיד, און בלאָז,
מאַך א שליסל מיט א שלאָס,
טירן דאַרף מען וויסן
ווי זיי צו פאַרשליסן.
שלאָסער פּײַל און שמיד, און בלאָז,
מאַך א שליסל מיט א שלאָס.

פּאַיאַצן־שפּיל

צאַפּלמענטשל, ס׳איז שוין שפּעט,
הייב זיך גיכער אויף פון בעט!
אָט אזוי,
אָט אזוי,
הייב זיך גיכער אויף פון בעט!

ווייסט ניט ווײַטער וואָס צו טאָן?
נעם די קליידער, טו זיך אָן!
אָט אזוי,
אָט אזוי,
נעם די קליידער, טו זיך אָן!

איצטער, צאַפּלמענטשל, קלײַב,
זוך אוים צווישן אונדז דײַן ווײַב.
אָט אזוי,
אָט אזוי,
זוך אוים צווישן אונדז דײַן ווײַב.

און געאָרעמט גיי מיט איר,
מאכט איצט ביידע א שפּאציר.
אָט אזוי,
אָט אזוי,
מאכט איצט ביידע א שפּאציר.

דורכגעשפּאנט די גאנצע שטאָט —
טאנץ מיט איר אין קאַראהאָד.
אָט אזוי,
אָט אזוי,
טאנץ מיט איר אין קאַראהאָד.

איך בין פינאָטשאָ

(מאריאָנעטן - טאנץ)

איך בין פינאָטשאָ
א ליאלקע פון האָלץ,
זעט נאָר ווי פריילעך
איך שפאן און ווי שטאָלץ.
טרא־לא־לא! טרא־לא!

קיינער באוועגט מיך ניט,
איינער אליין
קען איך שפאצירן
און לויפן, און גיין.
טרא־לא־לא! טרא־לא!

איך בין פינאָטשאָ
פון ברעטלעך געשניצט,
זעט נאָר ווי פריילעך,
ווי פריי איך בין איצט.
טרא־לא־לא! טרא־לא!

כ'גיי מיר שפאצירן
ארויס פון דער שטאָט,
כ'שפרינג אין די פעלדער
און דריי מיך אין ראָד.
טרא־לא־לא! טרא־לא!

פינאָטשאָס לאַנגע נאָז

פינאָטשאָ זאָגט א ליגן אָפּ,
ער טראַכט אים גלאַטיק אויס פון קאָפּ —

און ער דערזעט, מיט גרויס פאַרדראָס,
ווי ס׳וואַקסט אים אָן א לאַנגע נאָז.

וואָס מער א וואָרט ער זאָגט אַרויס —
אַלץ לענגער ווערט די נאָז און גרויס,

זי וואַקסט אים ווי א צווייַגל דין
און אויפן שפּיץ — א בלעטל גרין.

ער ווייסט פאַר צער ניט צו טאָן.
די גוטע פיי זי קוקט אים אָן

און שמייכלט שטיל, באַטראַכט זייַן נאָז:
— ס׳איז אמת אַלץ, פינאָטשאָ, וואָס?

פינאָטשאָ שווייַגט, ער לאָזט א טרער:
— ס׳איז ליגן, אָ, איך וועל ניט מער!

רחמנות קריגט די גוטע פיי,
זי גיט איר וווּנדערשטאָק א דריי —

און ס׳גלויבט פינאָטשאָ ניט זייַן בליק:
עס ווערט נאָרמאַל זייַן נאָז צוריק.

קליינע קלעזמערלעך

אלע: — מיר זענען קליינע קלעזמערלעך,
מיר גיבן א קאָנצערט,
מיר שפּילן אײַך א שיינעם ניגון,
הערט נאָר, אלע, הערט:
ניגן - ניגן!
ניגן - ניגן!
הערט נאָר, אלע, הערט!

טרובע-שפּילער: — אויף א טרובע שפּיל איך סאָלאָ,
בלאָז און בלאָז מיט ברען,
כ'בין דער ערשטער אין אָרקעסטער —
ווײַז איך וואָס איך קען:
טרו - טו - רו!
טרו - טו - רו!
ווײַז איך וואָס איך קען.

פּײַקלער: כ'בין דער פּײַקלער, אויף מײַן פּײַקל
שלאָג איך דאָ צום טאַקט,
הערט נאָר אלע, הערט נאָר אלע,
ווי עס פּויקט און קנאַקט:
פּויקל - פּײַק!
פּויקל - פּײַק!
ווי עס פּויקט און קנאַקט.

טאצן-קלאפּער: — און איך אַרבעט מיט די טאַצן:
טשים! און טשאָם! און באַץ!
זעט ווי פריילעך, זעט ווי פריילעך
קלאַפּ איך טאַץ אין טאַץ:
צימע - צאָם!
צימע - צאָם!
קלאַפּ איך טאַץ אין טאַץ.

קלינגער: — אויפן דרײַעק מיטן קלינגער
שלאָג איך: גלין און גלאָן!
מיט אַ שטעקל, מיט אַ פלעקל,
קלינג איך יעדן טאָן:
גליני - גלאָן!
גליני - גלאָן!
קלינג איך יעדן טאָן.

אַלע: — מיר זענען קליינע קלעזמערלעך,
מיר גיבן אַ קאָנצערט,
מיר שפּילן אײַך אַ שיינעם ניגון,
הערט נאָר, אַלע, הערט:
ניגן - ניג!
ניגן - ניג!
הערט נאָר, אַלע, הערט!

מישעס פידל

מישע האָט א פידל,
שפּילט ער אזוי שיין,
אויך בײַנאכט, אין חלום,
קומט זי אים צוגיין,

וועקט אים: — זע נאָר, מישע,
פון דײַן יעדן שפּיל,
ווערט א קלאנג געבוירן,
טענער אזוי פיל.

און פאַרשיידן זענען
יעדער קלאנג און טאָן,
אַטאָ, זעסט? זיי לעבן,
קוק זיי איצטער אָן!

מישע זעט: פון פידל
קומט א טאָן צוגיין,
קורץ און גראָב, ער טענהט:
— דאָ־דאָ בלײַב איך שטיין!

הייבן אָן צו קומען
טענער אלערליי,
איינער — לאכט אין פריידן,
איינער — קרעכצט אין וויי.

אָטאָ גייט א הויכער
טאָן מיט לאנגע פיס,
אָט א קלאנג א ווייכער
שמייכלט צוקערזיס.

און דאָ גיבן טענער
קליינוואַרג זיך א שאָט,
יאָגן מיט געזאנגען,
טאנצן אין א ראָד.

לויפט א טאָן א פאלשער,
דרייט זיך לינקס און רעכטס
און ווו נאָר ער שטעלט זיך —
מוז ער אַנטאָן שלעכטס — — — —

קומען און פארגייען
טענער אָן א שיעור,
פון דעם סאמע מינדסטן,
מישעס, פינגערדיק,

פון דעם סאמע קלענסטן,
מישעס, בויגנצי.
אָט אזוי, כּסדר,
אזש ביז אין דער פרי.

רעטעניש

— 1 —

אין דעם גאָרטן שטייט א ריז,
האָט ער הונדערט הענט געוויס.

גרינע לאָקן האָט ער גאָר,
ניט קיין שווארצע, בלאָנדע האָר.

און ער טוט די מענטשן גוטס:
שענקט זיי פרוכטן אויפן טוץ.

און פון היץ באשיצט דער ריז.
טרעפט נאָר, קינדער, ווער דאָס איז?

— 2 —

צי פון ריטלעך, צי פון ליים,
בויען ביידע זיך א היים.

אָן מכשירים, אָן געציַיג,
ניט אויף ד'ר'ערד, נאָר אויף א צווײַג.

איז דאָס שטיבל אָן א בעט,
נאָר מיט פעדערן געבעט.

אָנשטאָט מעבל — שטרוי און גראָז.
קינדער, טרעפט, ווער זענען דאָס?

— 3 —

אין א פארביק־העלן קלייד
שטייט זי אין דער מיט פון בייט,

שמעקט מיט זעלטענעם פּערפום.
טרעפט, אז הייסן הייסט זי — — — — —

דאָס ליד פון זיידע שרעטעלע

אין געדיכטן, אין טונקעלן וואלד,
שיַינט לבֿנה אין מיטן דער נאכט.
אויף א בערגל, דאָרט, אונטער א שוואָם,
זיצט א שרעטעלע שטיל און פארטראכט.

און ארום אָט דעם בערגל, אין ראָד,
ליגן זיַינע חֲבֵרים אין גראָז:
ליגט דער הירש און די לאָס, און די טויב,
און די וועווערקע, פּיקהאָלץ און האָז.

פלוצלונג הייבט אָן צו וואָרקען די טויב
און זי מורמלט א שטילע ארויס:
— ס'איז אונדז אומעטיק, זיידע, אזוי, —
זינג דיַין לעבנס־געשיכטע אונדז אויס!

גיט דאָס שרעטל א גלעט זיך די באָרד
און הייבט אָן מיט א ציטער אין קול:
— ס'איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק,
וויַיט, א שטיבל געלעגן אין טאָל.

האָט אין שטיבל א באָבע געוווינט,
פלעגט זי אויסטראכטן מַעשׂהלעך שיין.
און אויך מיך האָט זי אויסגעטראכט, פיַין,
אין איר קאָפּ, ווי א שרעטעלע קליין.

אײנמאָל, פינצטער געװען איז די נאַכט,
ס׳האָט אין שטיבל א פײַער געברענט,
האָט דער פלאם זיך א רויטער געװיגט
און מיט שאָטנס געטאנצט אויף די װענט.

איז די באָבע געזעסן פארקלערט
און די אײניקלעך, שטיל, ארום איר,
און זי האָט זײ א מעשׂה דערציילט
פון בריליאנטענע בערג און פון מיר.

האָב איך פלוצלונג דערפילט װי איך לעב,
כ׳האָב פארװוּנדערט מיך אומגעקוקט באלד
און דערזען, אז איך פלי פון איר מויל
צו א גרויסן און טונקעלן װאלד.

און פארטראָגן מיך װײַט, צו א בארג,
האָט א כּוח א סודיקער, גיך,
כ׳האָב דערזען א פארכּשוּפטן שלאָס,
פול מיט שרעטעלעך קליינע, װי איך.

האָב איך יאָרן געװוינט צװישן זײ,
ס׳איז געװען א גליקלעכע צײַט:
אוצרות פלעגן מיר גראָבן אין בערג
און אװעקשענקען אָרעמע לײַט.

זענען דיכטער געקומען צום שלאָס,
האָבן לאנג, אונדז, און גידיק באטראכט,
און געפאנגען א סך פון מײַן פאָלק,
און אין ביכער פארשלאָסן, פארמאכט.

זענען מאָלער געקומען צוגײן,
אין די אויגן א פײַער צעברענט,
אונדז מיט פארביקע קליידער פארנארט
און צעהאנגען אין בילדער, אויף ווענט.

אָבער איך בין אנטלאָפן העט, ווײַט,
און געבלאָנדזשעט אין מורא און שרעק,
כ 'האָב א כּשופדיק רינגל געהאט —
האָב איך אויך אים פארלוירן אין וועג.

כ'האָב פארצוויבערטע לעטשלעך א פּאָר,
אין מײַן וואנדער, צעריסן אויף פּיץ, —
און פון דעמאָלט באהאלט איך מיך דאָ
אין דעם בערגל, אויף וועלכן איך זיץ.

כ'קום ארויס נאָר אין ליכטיקע נעכט
און איך וואנדער צו קינדער אין שלאָף,
מאָל זיי וווּנדער־חלומות א סך.
און אָט איז שוין מײַן לידל בײַם סוף!

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא

אֵלִיָהוּ רײַט אין הימל
אויף א פײַער פערד.
ווען עס קומט די נאכט פון סֵדֶר —
נידערט ער אויף ד׳ר׳ערד.

בלײַבט ער שטיין אזוי אין דרויסן,
קוקט ארום זיך: — וואָס?
האָט מען שוין, אין אלע הײַזער,
צוגעגרייט מײַן כּוֹס?

— זע, ס׳איז אונדזער טיר שוין אָפן,
קום צו אונדז ארײַן!
אֵלִיָהוּ, גוטער נָבִיא,
טרינק א ביסל ווײַן!

יְצִיאַת מִצְרַיִם

(קרייזשפּיל)

משֶׁה: — אין וועג אריין, אין וועג אריין,
אַיר זענט שוין אַלע פריי!

יידן: — מיר וואנדערן, מיר וואנדערן,
פון לאנד פון שקלאפעריי!

משֶׁה: — וואָס ארבעט איר פון טייגן אוים?
וואָס מאכט איר דאָ דערפון?

יידן: — מיר באקן איצטער פלעצעלעך
און מַצות, אויף דער זון!

משֶׁה: — ווער ווייזט די שווערע וועגן אייך
אין מִדבָר און אין יַם?

יידן: — באטאָג א גרויער וואָלקנזייל,
באנאכט — א פייערפלאם!

משֶׁה: — ווו פיר איך אייך מיט קינד און קייט?
ווו פיר איך אייך אצינד?

יידן: — צו יענעם לאנד, דעם זוניקן,
ווו מילך און האָניק רינט!

אָ ז יָ שִׁ י ר

ווען דער שׂוֹנֵא, א באַזיגטער,
האָט אין ים־סוּף זיך געטרונקען,
האָט דאַן משֶׁה מיט די יידן
אָט דעם שיר צו גאָט געזונגען:

— גאָט מײַן מאַכט איז און מײַן העלפער,
כ׳וועל אים זינגען און אים לויבן!
גרויסער גאָט פון פאָטער מײַנעם,
כ׳וועל זײַן נאָמען הויך דערהויבן.

גאָט — ער איז א מאַן א קריגער
און יעהאָווא איז זײַן נאָמען.
פַּרעהס רײַטוועגן און חַיִל —
האָט געשלײַדערט — אין די שטראָמען.

ס׳האָט דער ים־סוּף, אַלע זעלנער,
צוגעדעקט און אײַנגעשלונגען,
ווי א שטיין, אין טיפע גרונטן,
זענען אַלע זיי פאַרזונקען.

גאָט, דײַן רעכטע האַנט איז מעכטיק,
און מיט װוּנדער־כּוח שטראַלט זי,
גאָט, דײַן רעכטע האַנט, די פעסטע,
ברעכט די בייזע פײַנט און שפּאַלט זיי.

מיט דײַן הויכער מאַכט, דער שטאָלצער,
שטערסטו אַלע וואָס באַדראָען;
שיקסט דײַן צאָרן נאָר אַרונטער —
ברענען שׂונאים ווי די שטרויען.

דאָס ליד פון פרײַהײַט

די יידן זינגען אין דער נאכט
א העלן שיר, א נײַעם.
באפרײַט פון שקלאפערײַ, דערוואכט, —
פארלאָזן זיי מִצרַיִם.

מיט האק און פאק, מיט קינד און קייט,
זיי וואנדערן פון גֹשֶן
און זינגען שטאָלץ, און פול מיט פרייד,
אין וועג, געפירט פון משֶהן:

— מיר זענען פרײַ! מיר זענען פרײַ!
א טויט צו דעם טיראן!
עס ווארט אויף אונדז א לעבן נײַ,
אין אונדזער לאנד כּנַען!

זאָל לעבן משֶה, אונדזער העלד,
אין ליבע און אין טרײַהײַט!
זאָל לעבן אונדזער יידיש פאָלק!
און לעבן זאָל די פרײַהײַט!

צום קאַמף!

צו גרויס זענען די ווייען,
צו טיף איז אונדזער צַער —
פאָרויס, צום קאמף, אין רייען!
דאָס פאָלק איז אין געפאַר!

גייט, דרייסטע פריי־ארמייער,
מיט פעסטן טראָט און שפּאַן,
מיט בלוט פון מאקאבייער,
מיט מוט פון פארטיזאַן!

צום קאמף מיט די רשָעים!
דער שונא ברעכט, צעשטערט, —
פאָרויס איר חַשמונָאים,
באצאָלט אים ווי זיין ווערט!

גייט, דרייסטע פריי־ארמייער,
מיט פעסטן טראָט און שפּאַן,
מיט בלוט פון מאקאבייער,
מיט מוט פון פארטיזאַן!

נקָמֶה־פלאם זאָל צינדן
דעם שונֶא, אומגעריכט; —
עס מוז דאָס בייז פארשווינדן,
ס׳מוז אויפגיין אונדזער ליכט!

גייט, דרייסטע פריי־ארמייער,
מיט פעסטן טראָט און שפאן,
מיט בלוט פון מאקאַבייער,
מיט מוט פון פארטיזאן!

מאַמע, מאַמע

— מאמע, מאמע, ווײַט פון דאנען,
קעמפן זיי, די פארטיזאנען?

— ווײַט, אין רוסלאנד, ליטע, פוילן,
אונטער פײַער, שווערד און קוילן!

— מאמע, מאמע, זאָג פון וועמען,
גייען זיי נקָמה נעמען?

— פון די שׂונאים, וועלכע ווענדן
אָן דעם גרויל, אונדז צו פארלענדן.

— ווערזשע זענען זיי און וועמעס
אַט די קעמפער פארן אֶמֶת?

— דײַנע פעטערס, דײַנע מומעס,
זין און טעכטער, אונדזער אומהס!

לאָמיר שפּרײַזן

(קרײַזשפּיל)

לאָמיר שפּרײַזן, לאָמיר שפּרײַזן,
שטאָלץ, ווי הענער גײען.
לאָמיר ווײַזן, לאָמיר ווײַזן
ווי די הענער קרײען.

אַלע קינדער, אַלע קינדער
קרײען מיט אַ ניגון:
— קו־קו־רי־קו!
און אַצינדער, און אַצינדער
ווערן זײ אַנטשוויגן.

לאָמיר שפּילן, לאָמיר שפּילן
אין אַ קרײַז, אַ גרױסן.
לאָמיר בילן, לאָמיר בילן
ווי די הינט אין דרױסן.

אַלע קינדער, אַלע קינדער
בילן מיט אַ ניגון:
— האַו! האַו! האַו! האַו!
און אַצינדער, און אַצינדער
ווערן זײ אַנטשוויגן.

לאָמיר קניען, לאָמיר קניען,
איצטער, גיכער, שפּרינגען.
לאָמיר פליען, לאָמיר פליען
און ווי פייגל זינגען.

אלע קינדער, אלע קינדער
פליען מיט א ניגון:
— ציף! ציף! ציף! ציף!
און אצינדער, און אצינדער
ווערן זיי אנטשוויגן.

אַ פייגלשע חתונה

אין וואלד איז לעבעדיק ביז גאָר:
ס'האָט חתונה א פייגלפּאָר.

די כּלה איז די שטילע טויב,
אין ווײַסן חופּה־קלייד און הויב.

דער חתן שוואלב, מיט טשאק און קנאק,
איז אויסגעפּוצט אין שווארצן פראק.

דער פייגלשער אָרקעסטער שפּילט,
עס זינגט און שאלט, און פּויקט, און טרילט.

די קלעזמער זיצן אין א ריי,
עס בלאָזט אין פלייט דער סאָלאָוויי,

און דער קאנאריק פידלט הויך,
דער פּיקהאָלץ פּויקט, אז ס'גייט א רויך.

די קליינע שפּערלעך צימבלען צו,
די סאָווע רײַבט אין באס: — בוהו!

און פייגל שוועבן הין און הער,
מע טאנצט אין ראָד א שיינעם שער.

עס הוליען אלע גרויס און קליין, —
באלד וועט מען צו דער חופּה גיין.

טויבנטאַנץ

קוקט נאָר, קינדער, אויבן,
זעט א שיינע זאך:
אין א רעדל, טויבן,
טאנצן אויפן דאך.

בלויע, ברוינע, געלע,
ווײַסע אין געדריי.
זונענשטראלן, העלע,
פלעכטן זיך מיט זיי.

פליענדיקע — הושן
פליגעלעך אין גלאנץ,
וואָרקענדיקע — קושן
זיי זיך, אינעם טאַנץ.

קאַטשקעלעד

(קרײַזשפּיל)

שיינע, קליינע קאַטשקעלעך,
שווימען אויפֿן טײַך,
איינס הינטערן אַנדערן,
אין אַ שורה גלײַך.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
אין אַ שורה גלײַך!

מאַמע קאַטשקע פֿירט זיי אָן:
— גיט אַ הויכן קוואַק!
און נאָך מיר איצט, קינדערלעך,
שווימט אין אַ זיגזאַג.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
שווימט אין אַ זיגזאַג!

וואַשט זיך מיט די שנעבעלעך, —
סאַראַ פֿײַנע באָד!
איצטער אַלע קאַטשקעלעך,
שווימען אין אַ ראָד.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
שווימען אין אַ ראָד.

די קוקאַווקע

אַלע פייגל בויען נעסטן,
יעדער האָט זײַן היים, זײַן דירה,
איינע, די קוקאווקע, האָט ניט,
הוליעט אָפּ די יאָרן אירע.

אַטאָ דאָ — און באַלד שוין דאָרטן,
ס'האָט איר שמײַען גאָר קיין גלײַכן,
זאָרגלאָז קוקעט זי אין וועלדער,
אויף די לאָנקעס, בײַ די טײַכן.

האָדעוועט ניט אירע קינדער,
דאַגהט ניט פאר זייער מאָרגן,
ווארפט זיי אָן אין פרעמדע נעסטן:
— זאָלן לײַטן זיי באַזאָרגן!

ווינקט קאָקעטיש צו די פייגל,
שמייכלט אָן און פרעגט טשיקאווע:
— זעט מײַן עק, ווי לאנג, געשפּרענקלט, —
כ'בין ניט שענער פון דער פּאווע?

לאַכט מען אויס נאָר די קוקאווקע,
חבֿרט זיך מיט איר ניט קיינער:
— אויך א בריאה! אויך א מאמע!
טײַטלט נאָך איר יעדער איינער.

אויפן פרילינג־יום־טוב

מע פײַערט דעם יום־טוב
פון פרילינג אין פעלד.
די שוואלב האָט זיך צווישן
דעם עולם געשטעלט,

און רעדט פון די רײַזעס
וואָס זי האָט געמאכט,
ביז זי האָט די בשורה
פון פרילינג געבראכט.

זי שילדערט די יאמען,
די הויכן, העט־העט,
די בערג און די טאָלן,
די לענדער און שטעט.

און טויבן, און פייגל,
און פלאטערלעך קליין
זיי הערן מיט שפּאנונג
און טראכטן: — ווי שיין!

נאָר איינע, די ווײַסע
און רויקע שאָף,
איז שטיל, תּמעוואטע,
פארזונקען אין שלאָף.

דער אָקס און די קו
און די קאַלב אָבער, דאָרט,
זיי הערן עס ברוגז
און ס׳רייסט זיי פון אָרט:

— ווי לאַנג וועט מען דרעפּטשען?
צו וואָס אָט די רייד?
אָט דאָס הייסט א יום־טוב?
אָט דאָס איז א פרייד?

דער אָקס גיט א מרוקע,
די קו ברומט אין בויך.
— העי, שוואַלב! גיט א מעקע
די קאַלב אין דער הויך:

— דו זעסט ניט מיין טאַטן
און מאַמען, צי וואָס?
זיי קומען ניט הערן —
נאָר צופּן דאָס גראָז.

און איך — ביז ווי לאַנג
וועל מיך נודען און שטיין?
איך בין דאָ געקומען
א טענצל צו גיין!

די שוואלב בלײַבט צעטומלט,
באהערשט זיך, קריגט מוט
און זאָגט צו דעם עולם:
— אָט נאָך איין מינוט!

איך רייד ניט פאר אלע —
איך רייד נאָר פאר די
וואָס ווייסן, אז הויכקייט
דערגרייכט מען אין פלי.

און ניט בלויז צום פרעסן
איז דופטיקער גראָז,
און טאַנץ האָט קיין טעם ניט
אָן צייט און אָן מאָס!

ס'איז ניט פאר בהמות,
איך קען זיי די לײַט,
אויך דיך, דײַן משפּחה, —
איך ווייס ווער איר זײַט:

אן אָקס איז דײַן טאטע,
— פאַרענדיקט די שוואלב —
א בהמה דײַן מאמע
און דו — ביסט א קאלב!

פליטערל, פלאַטערל

— פליטערל, פלאַטערל, פאַרביק און שיין,
זאָג מיר וווּ איז דײַן שטיבעלע קליין?

— א ליליע, א טולפּע, א פֿײַלכל, א רויז,
א יעטוועדע בלום איז מײַן דופּטיקע הויז!

— פליטערל, פלאַטערל, זאָג מיר נאָר, וווּ
געפינט זיך דײַן וויגל צו שלאָפן און רו?

— א בלימל, א בלעטל, א גרעזל צעגרינט,
זיי זענען מײַן וויגל געוויגט פונעם ווינט!

— פליטערל, פלאַטערל, וואָס קענסטו טאָן
ווען ס'ווילט זיך דיר עסן? ווער קאָרמעט דיך אָן?

— מיט בלומיקן בעכערל, וווּ נאָר א קווייט,
איז שטענדיק צו קאָרמענען האָניק מיר גרייט.

— פליטערל, פלאַטערל, זאָג מיר נאָר אויס:
ווער צערטלט און קושט דיך? און ווער באָדט דיך אויס?

— די זון קושט און צערטלט מיר היים אין געזיכט
און באָדט מיך, א ליבע, אין שטראַלן און ליכט!

פרײַלין בושל

פרײַלין בושל גייט שפּאַצירן
אין די זומפּן, אין די גרינע,
רויטע שיך מיט הויכע קנאַפּל
טראָגט זי אויף די פּיס, די דינע.

האַלט איר לאַנגע נאָז פּאַרריסן,
שפּאַנט אַ שטאָלצע, אָנגעצויגן,
קוים זי גיט איר קאָפּ אַ שאָקל,
קוים אַ פּינטל מיט די אויגן.

זומפּ־אינזעקטן און מאָסקיטן
טומלען אום אין די אַירן:
— מאַכט א װאַרע! מאַכט א װאַרע!
פרײַלין בושל גייט שפּאַצירן!

שפּרינגען אָפּ אין שרעק די זשאַבעס,
קוקן פון דער װײַט פאַרלוירן:
— גאָט, באַהיט אונדז און באַשירעם,
עס שפּאַצירט איר הויכגעבוירן!

יעדער שנעק — הערט אויף צו קריכן,
כאַפּט, באַהאַלט זיך אין זײַן מושל:
— זע, מיר קניען צו די פיס דיר,
זײַ אונדז גנעדיק פרײַלין בושל!

שטעלט זי זיך אַוועק צופרידן
און פּויקט אויס, די וועלט זאָל גאַפן:
— ווייסט איר שנעקעס, אַז די זומפּן
זענען בלויז פאַר מיר באַשאַפן!

שעפעלעד

(קרײַזשפּיל)

די זון, אין באַגינען,
שײַנט ליכטיק צעהעלט, —
די קלײנינקע שעפּעלעך
גײען אין פעלד.
זײ גײען,
זײ גײען אין פעלד.

די שעפּעלעך שפּרינגען
און מעקען אין פרײד,
עס טרײַבט זײ דאָס פּאַסטעכל,
שפּילט אויף א פלײט.
ער שפּילט
און ער שפּילט אויף א פלײט.

די שעפּעלעך טאַנצן
צו יעטװעדן טאָן.
זײ קומען צום טײַכל
און טרינקען זיך אָן.
זײ טרינקען,
זײ טרינקען זיך אָן.

דאָס פעלד איז א גרינע,
איז פרײַ אָן א מאָס.
די שעפעלעך שטייען
און צופּן דאָס גראָז.
זיי צופּן,
זיי צופּן דאָס גראָז.

זיי עסן און שאָקלען
דערבײַ מיטן קאָפּ.
איצט ליגן די שעפעלעך,
רוען זיך אָפּ.
זיי רוען,
זיי רוען זיך אָפּ.

ר א ב ט ש י ק

כ׳בין פאַרוואָרלאָזט און א תּל,
מיט א צרהדיקער פעל,
ביל איך אום, ווי נאָר א שוועל:
האַו!

כ׳האָב קיין ביידל און קיין דאך,
אויסגעהונגערט, מיד און שוואך —
כ׳בין אן איבעריקע זאך:
האַו!

נישטער איך אין יעדן עק,
זוך א ביין, א קיי, א לעק, —
טרייבט מען מיך מיט קלעפּ אוועק:
האַו!

כ׳לייג זיך אויף א בערגל מיסט,
כ׳וויל אנטדרעמלען — נאָר אומזיסט —
ס׳פייפט דער ווינט, א רעגן גיסט.
האַו!

יעדער הונט — פאַררייסט די נאָז:
האָט א היים, א באַלעבאָס,
נאָר איך איינער ניט — פאַרוואָס? — — — —
האַו!

א הויז

ס'האָט באַשלאָסן טאַטע מויז
אויסצובויען זיך א הויז,
און מיט זײַן פאַמיליע זיצט ער,
וויל מיט זיי זיך עֵצהן איצטער.

אין א רעדל, אויף דער ערד,
פלאַנעוועט מען און מע קלערט
ווי צו בויען, ווו צו מאַכן
אַט די שטוב מיט זיבן זאַכן.

זאָגט דער טאַטע: — ווייסט איר וואָס?
לאָמיר בויען זיך א שלאָס
דאָ, אין ווינקלעך, אין שטיקל,
בײַ דעם מירמלשטיין פון בריקל.

זאָגט די מאַמע: — כ'האָב באַקלערט
מאַכן פּשוט אין דער ערד
א באַקוועם און זויבער גריבל,
וועט עס זײַן א פּרעכטיק שטיבל!

— אָ, איך האָב א טײַער אָרט:
לאָמיר בויען אין א טאָרט!
שרײַט דאָס מײַזל נאַשנפרעסער:
— וואָס קען זיסער זײַן און בעסער?

לאָמיר, גלײַכער, מאַכן עס
אין אַ גרויסן, גרויסן קעז!
שרײַט זײַן שוועסטער מעטערעקל:
— ווילסטו עסן — קײַ אַ ברעקל!

שרײַט אַ דריטער: — אין אַ שוך!
און אַ פערטער: — אין אַ בוך!
יעדער קומט מיט נײַע פּלענער,
וויל וואָס בעסער און וואָס שענער.

זיצט דער טאַטע מויז שוין דול
און זײַן קאָפּ איז שווער און פול:
דאָס געפעלט ניט, יענץ — ניט אויסן.
ווױנען זיי דערווײַל אין דרויסן.

מײַזנװיט

מיקי מײַזל יאָמערט שװער,
לאָזט כּסדר טרער נאָך טרער
און די קינדער אירע, זעכצן,
העלפֿן װײנען איר און קרעכצן:

—װאָס װעט װערן? װאָס װעט זײַן?
זעט נאָר סאַראַ נױט און פּײַן!
אין דעם ענגען קאַמער־לעכל
נעצן װענט און ס׳רינט פֿון דעכל.

ליגט איין מײַזל קראַנק אױף גריפּ,
הוסט די צװײטע מיט אַ כריפּ,
האָט די עלצטע אַ פּאַרקילעכץ
און די ייִנגסטע אַ געשװילעכץ.

און דער טאַטע, מיקי מױז,
איז שױן הױט און ביינער בלױז,
זוכט ער טעגלעך צו פֿאַרדינען, —
קען קיין אַרבעט ניט געפֿינען.

שטײען קאַלטע רעגנטעג,
הױכט אין שטיבל װינט און שרעק,
רינען װענט און ס׳רינען טרערן:
— װאָס װעט זײַן? און װאָס װעט װערן? — —

מ ע ט א נ צ ט

זיצט די קוואָקע אָן א זײַט,
קוקט צום עולם פון דער ווײַט.

איינזאם זיצט זי, טריב, אליין,
קען די שׂמחה ניט פארשטיין:

גרויס און קליין, און אלט, און יונג,
איז פארטאָן אין טאנץ און שפּרונג.

שפּרינגען ציגן הין און הער,
טאנצן בעק א נײַעם שער.

קאטשקעס וואקלען: היפּ און האָפּ!
ענדלעך, הינדלעך — אין גאלאָפּ.

און דער אינדיק מיט דער גאנדז,
גייען גאָר א ברוגז־טאנץ.

און דער גרויסער שוטה אָקס,
האָפּעט מעקענדיק א פּאָקס,

און די יענטעוואטע קו,
האַלט, אין טאקט, אים אונטער: — מו!

הײַנטיזשע הערט א מין מוזיק —
ס'קערט מיט גרינער גאַל צוריק:

מעק! און קוואטש! און קריי! און בראַדז! —
ס'הייסט בײַ זיי „מאָדערנער דזשאַדז" — —

— ווי געשמאַק און ווי געפיל?
קרעכצט די קוואַקע אין דער שטיל:

אוי, נישטאָ דער אַלטער גלאַנץ:
זייער לעבנסציל — איז טאַנץ.

נאָר מע האָפּעט, נאָר מע קוועלט,
גייט זיי אָן דער צער פון וועלט?

קוילעט מען דאָך, טעגלעך, אויס
אָקסן, קעלבער, קליין און גרויס,

קאַטשקעס, הינער, הענער, גענדז —
און דאָ האַלט מען נאָר בײַ טענץ.

נאָר מע האָפּעט זיך — און גאָר!
אָך און וויי צו אַזאַ דור!

באָקס

בײַ דעם אומגעקערטן מולטער,
אין דער מיט פון הויף,
איז א טומל, א געפילדער,
א צונויפגעלויף.

קומען קוקן, דער און יענער,
אין א ווילד געיעג,
ווי צוויי יונגע, רויטע הענער,
פירן א געשלעג.

ביידע האלטן גלײַך, סך־הכּל, —
באָקסן זיך ביז בלוט.
קוועלן אלע פון ספּעקטאקל,
גיבן אונטער מוט:

— אין דעם אויג ארײַן פארפאָר אים!
— שינד אים אָפּ א פעל!
— לייג, צעטרעט אים ווי א וואָרעם!
— מאך פון אים א תּל!

און די הענער, אָנגעהעצטע,
ביז רציחה רויט,
שלאָגן זיך מיט כּוחות לעצטע —
לעבן אָדער טויט!

שטויסן זיך אין ראָד און קוויקן
עופֿות גרויס און קליין,
שרײַען אַלע מיט אַנטציקן:
— סאַראַ שפּיל, ווי שיין!

קוקט די אַלטע קוואָקע הינדל
אויפֿן שלעגערפּאָר,
ווענדעט זיך צום הויף־געזינדל:
— וואָסזשע קומט דאָ פֿאָר?

זאָגט מיר, איך פֿאַרשטיי ניט, כ׳לעבן,
וואָס פֿאַר אַ געשלעג?
שטייט איר נאָך און קוועלט דערנעבן, —
לאָזט ניט! ס׳איז אַ שרעק!

ענטפֿערט מען איר מיט אַ שמייכל,
לאַכט מען און מע קוועלט:
— איר זענט, קוואָקע, שוין אָן שׂכל,
ווײַט פֿון אונדזער וועלט!

זיי פֿאַרמעסטן זיך אין קרעפֿטן, —
ס׳איז דאָך אַזאַ פֿרייד!
מישט אײַך ניט אין די געשעפֿטן,
גייט איך הינדל, גייט!

בלײַבט די קוואָקע גאָר צעטומלט:
הייסט עס, ס'איז א שפּיל?
עקלט איר פון גאנצן רומל,
שפּײַט זי מיט געפיל:

— טפו, אויף אײַער פרייד געשפּיגן!
ווײ צו אײַער קאָפּ!
זעסט א וויסטן פארגעניגן? —
און זי טראָגט זיך אָפּ.

כ'האָב געבראַכט אַ נײַעם תּלמיד...

— כ'האָב געבראַכט אַ נײַעם תּלמיד!
ווײַזט די קוואָקע אויף איר יאַט:
— הער קאַנאַריק, מײַסטער־זינגער,
שרײַבט אים אײַן אין פֿינפֿטן גראַד!

— קען שוין אײַער זונדל עפּעס?
פֿרעגט דער לערער פֿון געזאַנג:
— האָט ער ערגעץ ווו געלערנט,
ווייסט ער שוין אַ טאָן, אַ קלאַנג?

— ס'הייסט ער ווייסט? נאָך אַ מין וויסן!
פּרוּווט אים אויסציִען אַ טאָן,
מיט זײַן קרייען שטײַגט ער איבער
באַלד זײַן טאַטן, חזן האָן!

— אויב ער איז אַזאַ מין קענער,
— זאָגט קאַנאַריק — ווי איך הער, —
וואָסזשע ווילט איר אים נאָך לערנען?
וואָסזשע ברענגט איר אים אַהער?

— הערט איר, טאקע, זאָגט די קוואָקע:
— כ'האָב פון אים א קאָפּ שוין — האָ!
כ'קען אים אין דער היים ניט האלטן,
זאָל ער בעסער זײַן שוין דאָ.

ווי איר ווילט איז ער אײַך אויסן,
אומעטום איז ער אײַך פול;
איידער שלאָגן זיך אין דרויסן —
בעסער האלט אים שוין אין שול!

— הייסט עס, — זאָגט קאנאריק — ווילט איר
איך זאָל ניאנטשען זיך מיט אים?
ס'איז מײַן שול אן אָרט צום לערנען
און צו אויסבילדן א שטים!

— כ'בין אײַך מוחל אײַער תּורה!
טוט די קוואָקע שארף א זאָג:
— כ'וועל אײַך צאָלן פיל איר ווילט נאָר, —
אבי האלט אים דאָ דעם טאָג!

דער מײַסטער־זינגער צווישן געסט

װענען אַלע שוין געקומען
צו דער פּאַװעס שײנעם באַל,
זיצט מען אַרום טיש דעם לאַנגן
אין דעם ליכטיק־העלן זאַל,

טויב און בושל, אינדיק, גענדזלער,
הינער, קאַטשקעס, יונג און אַלט.
איז פאַרבעטן אויך קאַנאַריק,
מײַסטער־זינגער פונעם װאַלד.

זיצט ער אַזוי שטיל, באַשײדן,
בײַ דעם טישברעג, אויף זײַן אָרט,
קוקט אים יעדער אָן מיט נײַגער,
יעדער רעדט פון אים אַ װאָרט.

זאָגט אײן גענדזל צו דעם צװײטן:
— אָט דאָס בערקל, װי דו זעסט,
קלײן און דאַר, נאָר מיט זײַן זינגען
קען ער פרײלעך מאַכן געסט!

װאָרקעט טויב: — פון זײַנע לידער
הייבט מיך שטענדיק ביז צום דאך!
— לידער, שמידער! — האקט דער בושל —
ס'איז בײַ מיר א קנאפּער פּאך!

האָן מנגן בורטשעט אונטער:
— אויך א זינגער, אָך און וויי!
אז סך־הכּל, זאָגט מען, ווייסט ער
ניט, וואָס הייסט א טאָן פון קריי!

גווידערט זיך די פּעטע קאטשקע,
גיט זיך מיט א מאָל א ווענד:
—קוואַ־קאַנאַר——— ווי הייסט איר דאָרטן,—
ווייסט אונדז טאקע וואָס איר קענט!

— טאקע! כאפּן אונטער אלע:
— זינגט א שטיקל ריינע קונץ!
— נאָר אזוינס — ווי זאָגט מען עפּעס!
— מאכט א ביסל פריילעך אונדז!

האלב פארשעמט און האלב צעטומלט
שטעלט זיך דער קאַנאַריק אויף,
גלײַכט זיך אויס, פארדרײַסט זײַן קעפּל
מיטן פּיסקל אויף ארויף,

טוט א זונג פון גרינע פליינען,
פון די גראָזן, בלום און בוים,
פון דער זון, פון בלויען הימל
און פון רַחבֿותדיקן רוים.

שיט מיט פערלדיקע טרערלן,
ציקלט אויס א וווּנדערוועלט.
האָן מנַגן נייגט אן אויער,
פאווע שטראלט פאר פרייד און קוועלט.

טײַבל הייבט זיך אויף פאר תַּענוג,
הינדל גיט א טרער א וויש,
גאָנער — איז פון גרויס מתיקות
אײַנגעשלאָפן אויפן טיש — — —

פלוצלונג פאלט ארײַן דער אינדיק
גאָר אין מיטן: — גוט און וווּיל!
אָבער ס׳קומט ניט צו קיין עסן, —
פאווע, גיט עפּעס אין מויל! — — —

מאמע־לָשון

— אָ, ווי שיין אײַערע קינדער
זינגען מאמע־לָשון פרײַ!
זאָגט מיט קִנאָה צום קאנאריק
מאמע יאכנע פּאָפּוגײַ.

— וואָסזשע איז דאָס פאר א ווּנדער?
גאנץ נאטירלעך איז די זאך!
זאָגט קאנאריק: — נו, און אײַער
זונדל, קען ניט אײַער שפּראך?

— מײַנער, נעבעך, האָט קיין צײַט ניט,
איז דעם טאָג פארנומען שווער:
הירזשעט, מעקעט, קרייט און גראגערט,
און א שָעה נאָך פידלט ער.

כ׳קען דען העלפן? ס׳איז פארפאלן!
אויף מײַן לָשון, סײַ ווי סײַ,
בלײַבט קיין רֶגע צײַט! זיפט אונטער
מאמע יאכנע פּאָפּוגײַ.

— נו און איר, אין שטוב, אין דרויסן,
צווישן אײַער הויזגעזינד,
רעדט איר ניט קיין מאמע־לָשון?
ווישע רעדט איר מיטן קינד?

— אָ, אין גאַס... און צווישן שכֵנים...
ס׳איז דאָך עפּעס ניט באַקוועם —
ריידן מיר אויף זייער שטייגער,
מאַכן נאָך א יענעם, דעם.

אָבער איצטער קומט וואַקאַציע,
ווערט מײַן קינד איין מאָנאַט פרײַ —
וועל איך לערנען אים מײַן לָשון!
זאָגט די יאַכנע פּאָפּוגײַ.

— עט, איך מיין, ס׳איז ניט קיין פּעולה!
זאָגט קאַנאַריק מיט א לאַך:
— מיט א חוֹדשדיקער סגולה —
לערנט מען קײַן מוטערשפּראַך! — — — — —

קאָלירן

אינעם הויפל, ביי די עופֿות,
בושעוועט ארום דאָס שלעכטס,
איינער מיידט דאָ אויס דעם צווייטן,
דער גייט לינקס און דער גייט רעכטס.

ס׳הערשט דאָ קיינמאָל ניט קיין שָלום
ביי דעם עסן, ביים שפּאציר,
יעדער איינער ווערט געמאָסטן
לויט זיין פארב און זיין קאָליר:

ס׳איז דער האָן, דאָ, גאָר א רויטער —
זענען ווייסע גאָנערס גרייט
זיך צו ווארפן אויף אים שלאָגן
און אים זידלען ווען ער קרייט.

און די קאטשקע איז א גרינע,
קוים א טאָג דאָ צווישן זיי, —
חַבֶרט זיך מיט איר ניט קיינער,
ליידט זי תַרפֶות אלערליי.

ס׳ווײַסע הינדל צופּט דער שוואַרצער
נאָר אין קעפּל און אין עק,
בלאָזט זיך גאַאָוהדיק און טרײַבט זי:
— מיאוסע נעגערטע, אוועק!

האַלט זיך פּאַווע פון דער ווײַטן,
וויל צו קיינעם דאָ ניט גיין,
שפּיגלט זיך אין אירע פאַרבן:
— זעט, איך בין דאָס גאָלד אַליין!

דרייט דער אינדיק זיך אין מיטן:
— גיט דעם אויבנאָן מיר אָפּ,
איך בין שוואַרץ און ווײַס אַביסל
און אַ רויטער איז מײַן קראָפּ! — — — —

קען מען קיינמאָל זיך פאַרגלײַכן,
ס׳הערשט דאָ זידלערײַ און קרעכץ,
עופות מײַדן זיך און ווײַכן, —
דער גייט לינקס און דער גייט רעכטס.

אין דער שול ביי די עופֿות

עס טומלען די עופֿות
ביי זיי אין דער שול,
אזש טויב קען מען ווערן,
משוגע און דול:

עס קוואַקען די הינדלעך,
א הענדעלע קרייט,
עס גראַגערן געגנדזלעך
מיט שׂמחה און פֿרייד.

די קאַטשקעלעך קוואַקען
ווי הויך נאָר מע קאָן,
און אינדיקל האָלדערט
און ברוגזט זיך אָן.

אַפֿילו די טויבן
די שטילינקע, דאָרט,
זיי וואָרקען צוזאַמען
און שפּרינגען פֿון אָרט.

דער לערער, דער גאַנער,
שרײַט ביטער און שווער,
און פּאַכט מיט די פליגל
אַהין און אַהער.

ער בעט זיך, פאַרלוירן,
מיט טרערן אין שטים:
— איך וויל אײַך דערקלערן
דעם טעם פון א שווים!

שרײַט אינדיקל ברוגז
און קרימט מיט דער נאָז:
— כ׳וועל סײַ־ווי ניט קענען!
איך וויל ניט! צו וואָס?

עס פּאָדערן הענדלעך:
— א לידל! געזאַנג!
די גענדזעלעך בעטן:
— א מעשה — נאָר לאַנג!

שרײַט קאַטשאָ: — מײַן טאַטע
אײַך צאָלן וואָס קאָסט, —
איר, לערער, איר בעסער
מיר לערנען א טאָסט!

זאָגט הינדל: מיר לערנט
צו לייגן אַן איי!
און הענעכל: — מאמע
הייסט לערנען א קריי!

און טײַבל בעט: — לערער,
איך דאַרף ניט קיין זאך,
נאָר לערנט מיך פליען
אזש ביזקל דעם דאך!

טראכט לערער דער גאָנער
מיט ווייטאָג אין בליק:
— קוקט אָן א טרעיאַטער
מיט קאַצן־מוזיק!

און הערט נאָר א טַענה,
א לָשון, א שפּראך, —
און זײַט מיר מקַנא
מײַן גילדערנעם פּאך! — — —

א מַעֲשֶׂה מיט א הינדעלע א ווײַסע, א קעצעלע א גוטע און פּיקסל נאשער

הינטער בערג און הינטער טאָלן,
אין דעם גרינעם וואלד, אין אלטן,
שטייט א שטיבעלע, א קליינטשיקס,
אין געדיכטעניש באהאלטן.

ווינט אין שטיבעלע א קעצל,
האָט דאָס קעצל ניט קיין קינדער,
נאָר א הינדעלע א ווײַסע,
ווי דער שניי וואָס פאלט אין ווינטער.

פעדערלעך — ווי בלאנקער סאמעט,
און אנטיקלדיקע זייער:
ס׳לייגט דאָס הינדעלע, כּסדר,
סאמע גינגאָלדענע אייער.

און דאָס קעצל איז א מײַסטער
אויסצושניצן גאָלדנע זאכן,
קען עס אין די אייער קריצן,
בלאנקענדיקע רענדלעך מאכן.

שטענדיק איז דאָס קליינע שטיבל
פול מיט שימערדיקן פינקל:
הויפנס גינגאָלדענע רענדלעך
גלאנצן אום אין יעדן ווינקל.

און דאָס קעצל איז א גוטע,
מיט א שמייכעלע א שיינעם,
ווער עס קומט זיך עפּעס קלאָגן —
טרייסט עס, העלפט עס יעדן איינעם.

קומט די פּאווע צו צום שטיבל,
— קעצל! יאָמערט זי פארלוירן:
— כ'האָב מײַן גינגאָלדענע פעדער
אין די פעלדער אָנגעווירן!

—ווײַן ניט פּאווע! זאָגט דאָס קעצל
מיט א שמייכעלע א ברייטן:
— נא, א גינגאָלדענעם רענדל,
קויף א פעדערל א צווייטן!

קומט די וועווערקע צושפּרינגען
מיט אַ קוויטשענדיק געוויינדל:
— אוי, כ'האָב קנאַקנדיק אַ ניסל,
אויסגעבראָכן זיך אַ ציינדל!

— וויין ניט וועווערקע! זאָגט קעצל:
— ווילסט דײַן מײַלעכל מיר ווײַזן?
אָן סכּנות! נאַ אַ רענדל,
קויף אַ ציינדעלע פֿון אײַזן!

קומט דאָס העזל, וויינט דערשראָקן
און די טרערן רינען, גיסן:
— גוטע קעצל, ס'האָט די סאָווע,
הײַנט, מײַן פּעלעכל צעריסן!

וויין ניט! זאָגט אים גוטע קעצל,
גלעט און קושט אים אין שפּיץ נעזל:
— נאַ אַ גינגאָלדענעם רענדל,
קויף אַ פּעלכל נײַ, מײַן העזל!

און דער בער — וויל זיסן האָניק,
און די פֿייגל — ווייץ און קאָרן,
און דער פּיקהאָלץ דאַרף אַ האַמער,
און דער הירש — אַ שיינעם האָרן,

קומען אלע, אײַלן אלע
צו דעם שטיבעלע צולויפן
און דאָס קעצל טײלט זײ רענדלעך,
אַז זײ זאָלן אַלץ זיך קויפן.

איז דער גאַנצער װאַלד צופרידן:
— דאַנק דיר קעצל, דאַנק דיר זײער,
אויף דײַן הינדעלע, דאָס װײַסע,
װאָס לײגט גינגאָלדענע אײער.

―――――

נאָר אין װאַלד װױנט פיקסל נאַשער,
אין אַ הײל, אין בײמער־שאָטן,
איז ער שלעכט און כיטרע, עסט ער
הינדלעך רױע און געבראָטן.

לױערט ער שױן לאַנג בײַם שטיבל,
אין די נעכט און אין פאַרטאָגן,
װײל דאָס װײַסע הינדל פאַקן
און זיך אָנפילן דעם מאָגן.

אָבער קלוג איז גוטע קעצל:
װען עס גײט אַרױס אין דרױסן —
שליסט עס שטענדיק צו די טירן
מיט אַ שװערן שלאָס, אַ גרױסן.

―――――

איז ארויס פאַרטאָג היינט, קעצל
אין דעם גרינעם וואַלד שפּאַצירן
און אין איילעניש פאַרגעסן
צו פאַרשליסן גוט די טירן.

גיך אַריין איז פּיקסל נאַשער,
ס'ווייסע הינדעלע צעריסן
און באַלעקט די רויטע ליפּן
נאָכן פרישטיק, נאָכן זיסן.

האָט צוריקגעקערט דאָס קעצל —
איז די טיר געשטאַנען אָפן
און דאָס הינדעלע, דאָס ווייסע,
האָט זי מער שוין ניט געטראָפן.

האָט צעקלאָגט זיך גוטע קעצל
און געיאָמערט שטאַרק פאַרביטערט,
פון די ווילדע קולות אירע
האָט דער גאַנצער וואַלד געציטערט.

זענען אַלע פריינד געקומען,
פייגל, חיות, גיך צולויפן
און דערזען דאָס קעצל קלאָגן
איבער ביינדעלעך א הויפן.

האָט פאַרדריקט זיי שטאַרק אין האַרצן
פון דעם אומגליק, פון דעם שווערן,
יעדער איינער האָט געכליפּעט
און פאַרגאָסן טײַכן טרערן:

— אוי, נישטאָ שוין, טויט, צעריסן
ס׳ליבע הינדעלע, דאָס ווײַסע!
האָט דער גאַנצער וואַלד געיאָמערט.
אַזוי ענדיקט זיך די מַעֲשֶׂה.

נגונים

נגונים צו אייניקע לידער און קרייזשפּילן

מיר גייען

(מאַרשליד)

מוזיק פון פּראָפ. ש. ל. צעסלער



צעשטעלט זיך נאָר קינדער מיט וואנדער־געמיט,
אזוי ווי די זעלנער, אין רייען,
און הילכיק זאָל קלינגען דאָס פריילעכע ליד:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען!

ארויס פון דעם שטאָטישן טומל, געדראַנג,
אויף רחבותע וועגן, שאָסייען,
פארפליצן די פליינען מיט אונדזער געזאַנג:
מיר גייען! מיר גייען! מיר גייען! — — — —

(פולער טעקסט אויף דער זייט 38)

מיר קומען אָן!

(מאַרשליד)

מוזיק פון ה. וואָלאָוויץ



מיר קומען אָן! מיר קומען אָן!
מיר שפּאַנען פרייליך און מאַרשירן.
הויך פלאַטערט אונדזער העלע פאָן,
די פאָן פון לערנען און שטודירן.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס׳מאַרשירט אין ריי, ס׳מאַרשירט אין ריי.
די יונגע שולאַרמיי.

מיר קומען אָן מיט העלער פרייד,
מיר טראָגן גלויבן, מוט און האָפן.
עס ציט פאַרויס די שולערקייט
פון מזרח, מערב, דרום, צפון.

און ריטמיש קלאַפּן טריט אין גאַנג,
און הילכיק קלינגט אונדזער געזאַנג.
ס׳מאַרשירט אין ריי, ס׳מאַרשירט אין ריי.
די יונגע שולאַרמיי.

שעפּעלעך

(קרייזשפּיל)

מוזיק פון י. שקליאַר



די זון, אין באַגינען,
שוינט ליכטיק צעהעלט, —
די קליינינקע שעפּעלעך
גייען אין פעלד.
זיי גייען,
זיי גייען אין פעלד.

די שעפּעלעך שפּרינגען
און מעקען אין פרייד,
עס טרייבט זיי דאָס פּאַסטעכל,
שפּילט אויף א פלייט.
ער שפּילט
און ער שפּילט אויף א פלייט.

(פולער טעקסט אויף דער זייט 113)

דאָס ליד פון פרייהייט

מוזיק פון הערמאַן לודוויק



די יידן זינגען אין דער נאכט
א העלן שיר, א נייעם.
באפרייט פון שקלאַפעריי, דערוואכט, —
פארלאָזן זיי מצרים.

מיט האק און פאק, מיט קינד און קייט,
זיי וואנדערן פון גשן
און זינגען שטאָלץ, און פול מיט פרייד,
אין וועג, געפירט פון משהן:

— מיר זענען פריי! מיר זענען פריי!
א טויט צו דעם טיראן -
עס ווארט אויף אונדז א לעבן נײַ,
און אונדזער לאנד כנען!

זאָל לעבן משה, אונדזער העלד,
אין ליבע און אין טרייהייט!
זאָל לעבן אונדזער יידיש פאָלק!
און לעבן זאָל די פרייהייט!

די בלומען און די בין

(קרייזשפּיל)

מוזיק פון ג. רויזנער



אלע:

— פאר די הענטלעך אָנגענומען,
פרייעלעך זיך געדרייט,
אלע קינדער זענען בלומען
אויפן גרינעם בייט.

איצטער וועגן זיך די בלומען
אום אהער, אהין.
מיט א זינגענדיקן זשומען
פליט אריין די בין.

רויז:

— כ׳בין א רויז אין סאמע בליען,
זעט נאָר ווי איך שיין.
קום נאָר, בין, צו מיר צו פליען,
טרינק א ביסל וויין!

בין:

— כ׳דאנק דיר, רויז, גאָר אָן א שיעור,
איצטער פלי איך גלייך צו דיר,
כ׳טו א שמעק,
כ׳טו א לעק
און איך פלי אוועק.

אלע:

— פאר די הענטלעך אָנגענומען,
פרייעלעך זיך געדרייט,
אלע קינדער זענען בלומען
אויפן גרינעם בייט.

איצטער וויגן זיך די בלומען
אום אהער, אהין.
מיט א זינגענדיקן זשומען
פליט ארויס די בין.

(פולער טעקסט אויף דער זייט 14)

קליינע קלעזמערלעך

מוזיק פון י. שקליאַר



אלע:

— מיר זענען קליינע קלעזמערלעך,
מיר גיבן א קאָנצערט,
מיר שפּילן אייך א שיינעם ניגון,
הערט נאָר, אלע, הערט:
ניגן - ניג!
ניגן - ניג!
הערט נאָר, אלע, הערט!

טרובע-שפּילער:

— אויף א טרובע שפּיל איך סאָלאָ,
בלאָז און בלאָז מיט ברען,
כ'בין דער ערשטער אין אָרקעסטער —
ווייז איך וואָס איך קען:
טרו - טו - רו!
טרו - טו - רו!
ווייז איך וואָס איך קען.

(פולער טעקסט אויף דער זייט 84)

בּיז מאָרגן

מוזיק פון מ. סאלאמאָן



מע האָט, אצינד, פון הויכן מאסט,
די פאָן אראָפּגעלאָזן —
— ביז מאָרגן שול! ביז מאָרגן קלאס!
מיר גייען איצט פארלאָזן!

אהיים! מיר זינגען הויך אין כאָר,
צעשטעלט אין גלייכע רייען:
— ביז מאָרגן לערער, דירעקטאָר!
מיר גייען שוין, מיר גייען!

(פולער טעקסט אויף דער זייט 45)

אין סאָד

(קרייזשפּיל)

מוזיק פון פּראָפ. ל. דרייצעל



כ אָ ר :

וואקסן פרוכטן-ביימעלעך,
וואקסן אין א ראָד.
הוידען זיך די ביימעלעך
אין דעם גרינעם סאָד.

כ אָ ר :

אלע וויגן
מיט א ניגון
הין און הער דעם קאָפּ,
זינגען, רוישען:
— קומט מיט קוישן,
נעמט די פרוכט אראָפּ!

(פולער טעקסט אויף דער זייט 25)

אינהאַלט

	זייט
פרילינג קומט !	7
ווי גרין עס איז ארום געוואָרן	8
פרילינג־שפּיל	9
די בלומען און דאָס פרילינג־ווינטל (קרייזשפּיל)	11
בלומענליד	12
די בלומען און די בין (קרייזשפּיל)	14
פרימאָרגן־שפּיל	18
אין קאַמף	21
רעגן אין קאַמף	22
אין שטורעם	23
אין סאָד (קרייזשפּיל)	25
מיט פולע קוישן	28
בכורים	29
הארבסטמאָטיוו	30
די הארבסטיקע זון	31
שיין איז הארבסט, אין ארגענטינע	32
אין די בערג פון טאנדיל	33
טוקומאַן	35
מיר גייען	38
מיר קומען אָן !	40
צום נייעם שול־יאָר	42
דער שילער און די שרייבגעצייג (קרייזשפּיל)	43
ביז מאָרגן !	45
איך קען ציילן	46
די ציפער און די זעראָ	47

זייט

אָפּן איז די ביבליאָטעק	49
שולגלעקל און טינטערל	50
טיטאָס שיכלעך	52
טיטאָ האָט מיך פּיינט	54
פּארוואָס בין איך נים קראַנק?	55
טענהט די מטבע פון פינף סענט	57
דאָס געוויין פון בריוונבלאָק	59
וואַקאַציע	61
הערט א מעשה, הערט א ווונדער	62
ווי מיין מאמע	63
ליאַלקעלע וויל עסן	64
שפּיל נים מיט כלי־זין	65
וויין נים בערעלע	67
א ווונדער־שפּילמאשין	68
דער טיש, די שטולן און דער זייגער	70
די זייגערס (קרייזשפּיל) — — פּרייז באַארבעטונג	71
דריי רעדער (קרייזשפּיל) „ „	72
רייטער און פערד (קרייזשפּיל) „ „	73
לעבן זאָל גימנאַסטעריי „ „	74
דער בעטלער (קרייזשפּיל) „ „	76
באַוועגונג־שפּיל „ „	77
בעלי־מלאכות־שפּיל	79
פּאַיאַצן־שפּיל	80
איך בין פּינאָטשאָ (מאריאָנעטן־טאַנץ)	82
פּינאָטשאָס לאַנגע נאָז	83
קליינע קלעזמערלעך (קרייזשפּיל)	84
מישעס פּידל	86
רעטעניש	88
דאָס ליד פון זיידע שרעטעלע	90
אליהו הנביא	93
יציאת מצרים (קרייזשפּיל)	94
אָז ישיר	95
דאָס ליד פון פרייהייט	97

	זייט
צום קאמף	98
מאמע, מאמע	100
לאָמיר שפּרייזן	101
א פייגלשע חתונה	103
טויבנטאַנץ	104
קאַטשקעלעך	105
די קוקאַווקע	106
אויפן פרילינג־יום־טוב	107
פליטערל, פלאַטערל	110
פריילין בושל	111
שעפעלעך (קרייזשפּיל)	113
ראבטשיק	115
א הויז	116
מייזנגויט	118
מע טאַנצט	119
באָקס	121
כ׳האָב געבראַכט א נייעם תלמיד	124
דער מייסטער־זינגער צווישן געסט	126
מאמע־לשון	129
קאַלירן	131
אין דער שול ביי די עופות	133
א מעשה מיט הינדעלע א ווייסע, א קעצעלע א גוטע און פיקסל נאַשער	136

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„פייגל אין דער לופטן"

(קינדער־לידער און קרייזשפּילן)

אַרויסגעגעבן פון אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אויף דער איניציאַטיוו פון דראַמקרייז „ר. זאַסלאַווסקי" אין טוקומאַן

1939

„אַ לעבעדיקע וועלט"

(קינדער־לידער און קרייזשפּילן)

אַרויסגעגעבן פון קולטור־צענטער „ח. נ. ביאַליק" אין ווילאַ קרעספּאָ, בוענאָס־איירעס

1941

Este libro se **terminó de** imprimir el día 26 de junio de 1944, en los Talleres Gráficos "CULTURA" Sarmiento 2157 - Bs. Aires